STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09118

# KNOYTN

Alter Esselin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלטער עסעלין

# קנייטשן

פארלאג ל. מ. שטיין שיקאגא

ארויסגעגעבן פון
י. ל. פרץ פאריין
מילוואקי. וויסקאנסין

COPYRIGHT BY ALTER ESSELIN
CHICAGO
1927
Printed in U. S. A.

צום ליכטיקן אנדיינק—מיין זיידן
נחום זלמן ע"ה

# פון לידישן קוואל

## ווערטער מיינע

אַזויפיל נאָך געבליבן צו דערציילן,
אַזויפיל איז געבליבן נאָך צו זאָגן;
ווי אויפגעוואַכטע ווינטן אין די היילן,
ביים אויפגאַנג פון דאָרפישע פאַרטאָגן.

נישט מיד בין איך פון ראַנגלענדיקן לויער,
נישט מיד בין איך פון אָנגעשטרייגטן גאַפן;
ווערטער מיינע — מינענדיקער טרויער,
ווי ציטער־שיין אין ווייטן פון אַ האַפן.

ס'וועט מוזן ווער אַ קלאַנג כאָטש ווען דערהערן,
ס'וועט מוזן ווער דעם עכאָ ווען פאַרנעמען:
ווערטער מיינע — טונקעלע כימערן —
נישט מיך וועט איר דעם פשוט'ן פאַרשעמען.

## מיט מיין הייליקן לאַסט

מיט מיין הייליקן לאַסט וועל איך פאַלן,
מיט דעם קנאַק ווי דער בראָך פון אַ ביין;
שטיל, ווי די נאַכט אין די שטאַלן,
מיט מיין אייגענעם ווייטיק פאַרגיין.

קיינער וועט גאַרנישט דערקענען
אויף מיין בלוטיקער האַרץ ביי אַ פּלויט,
דימענטן פון חלום וועט ברענען
און לויכטן ביים ראַנד פון מיין טויט.

נאָר דו, מיט דיין טרויער און צער,
וואָס האָבן מיין חלום געגנערט,—
ווי דער קרייץ אויפן האַרץ פון דעם האַר—
זאָל ווייזן מיין בלוט אויף דער ערד.

# די רייד פון דערוויש

דער דערוויש זאָגט: איך וויל ניט מיינע וועגן,
איך ווײס פאָראויס וואוהין מ׳קען דערגרייכן,
רחבות׳דיק צעשפּרייט פון מיינעטוועגן
ליגט אויף אַלץ דער רואינען־צייכן.

אדאַ אין הייל, צווישן שטויב און שטיינער,
איז גאָר מיין וועלט — פון קעניג ביזן ווארים,
און ווי גאָט, א וואָרט אַזאַ, אַ ליבער און אַ שיינער,
איז ליב מיר דער, וואָס איז אי שטיל אי אָרים.

גלאַנץ פון שטאָט און פרעכע פרייד פון זאַטן —
ווי רויטער פייער־רייץ — דעם פיינעם בליק צו נאַרן.
גאָר דער טויט איז וואָר אין מדבר ווי אין אַטען,
און בייסט ווי ציין פון יעגוואַרן.

שטאָלצע, שטארקע רייד — זיי האָב איך לאַנג פאַרגעסן,
ווי פלאַכע מעמוארן פון מאַרקלייט און פון פרויען —
אַ, גאָט, ברויט מיט זאלץ גיב מיר גענוג אויף אָפּצועסן
און הינטער זיך וועל איך אַ כינע־וואַנט בויען.

## דער בעטלער זאָגט

און אַז מ׳קען קיין אייגן וועג ניט ווילן,
העלפֿט שוין ניט פֿון ברייטן טראַקט צו ווייכן...
און אַז מ׳קען קיין לאָרד אין וועג ניט טרעפֿן —
מעג שוין זיין אַ בעטלער אויך דיין גלייכן.

אַ בעטלער דאַרף פֿאַר בעטלער זיך ניט קניען,
אַ בעטלער וועט זיין גלייכן ניט פֿאַרשעמען.
און אַז מען דאַרף אַמאָל אין פֿעלד זיך שלאָפֿן לייגן,
איז מורא האָבן אויך ניטאָ פֿאַר וועמען.

נאָר ווי איז דעם, וואָס ציט צו רייכע זאַלן,
וואו פֿאַזשן שטייען, שטייפֿע, ווי אין פֿרענטן;
באַדאַרף מען שוין אַ שטעקן אַ געטאָקטן,
און מאָלן אויפֿן טאָרבע אָרנאַמענטן.

אַזוינער דאַרף גאָר אַנקלאַפּן צום קובער,
און בעטן אים דאָס אָפּפֿאַל פֿון די טישן —
און דאַנקען — ווי אַ קרעכצנדע באַנדורע,
און וויסן ווען און ווי דעם נאָז זיך ווישן...

# הבל

קין, נאָך רוף איך דיך ברודער,
דיך האָט מיין מאַמע געגערט,
ביסט פאַרשאָלטן, אויך איך בין פאַרשאָלטן
מיט מיין פינסטערער שטים פון דער ערד.

זע, מיין בלוט, מיין פאַרגאָסענע גאָלט,
אין דיין ברויט אויף ים און אויף לאַנד;
קום רוען, גיב רו מיר, מיין ברודער,
ווי דעם סערף — דיין פאַרהאַריקטע האַנט.

דער צייכן, גאָט'ס ברען אויף דיין שטערן —
נישט רויט, איז שוין ווייס און איז זיס,
פאַל אויף מיר ברודער, מיין ברודער,
ווי טוי אויף דער ווייסער נאַרציז.

## וואָס איז וויכטיק

בראַנדעס צי היפּאָליט-טען — ווער איז אַ באַדייטענדערער קריטיקער?
ווער איז אַ גרעסערער פּאָעט, ווירגיל צי האָראַציוס?
און ווער איז שענער, איידעלער און וויכטיגער
דער גריל, דער שמעטערלינג, די עפּעמער צי דער היפּאָפּאָטאַמוס?
הער, לאַמטערנדיקער שטערנזוכער —
איך האָב אין טאָל ביים שיין פון דער לבנה אַ וואונדערבילד געזען.
אַ טויטער פערד איז אין צעהאַקטן גראָז געלעגן;
ווי צעפּאַלענע קאַלאָנען אַרום אַ חרוב'ן פּאַוויליאָן
זיינען די רונדע הינטערפיס געלעגן — איינס אויף דאָס אַנדערע.
דער בויך —
ווי אַ באַלאָן וואָס וועט אין שטילן געגנט באַלד פּאַנאַנדערפּלאַצן
און ווי אַ לעפּל שוואַרצע בלוט,
האָט זייטיק-סטראַשנדיק די צונג פון מויל געשטעקט.

עס האָט גערעט צו מיר, ווי איינער פון אַ וויסטע דורך אַ מעגאַפּאָן,
— אָט אַזוי, גוט צי שלעכט, האָב איך מיין עובדא אָפּגעטאָן,
אויב גוט, לויב יענעם וואָס אין הימל לעבט,
אויב שלעכט, טאַדל יענעם וואָס אין הימל לעבט,
נעכטן וואָלט איך ווי א רינג אין לעבנס-קייט געפעלט.
היינט וואָלט איך שוין דאָ געווען איבעריק;
איצט איז דאָך אודאי נישט אָן מיר געווענט
מיין בלוט און פלייש זאָל כאַטש אַ שטיקל ערד באַזאַפטיקן —
עפּעס וועט דאָך שפּראָצן, עפּעס וועט דאָך וואַקסן,
שניטער וועלן שניידן, מילן וועלן מאָלן,
און אויב עס זאָל באַשערט מיין גורל זיין אַזאַ
וואָס זאָל כאָטש דורך אַ שטיקל קריזשלדיקן קאָרן-ברויט
ביים גאון'ס אומעטיקן טיש, ווי נישטיק נאָרונג זיין,
וועל איך דאָך שוין אין גאון'ס אוואַנטורעס דאַרפן מיטגיין
און אין זיין שאַלנדיקן נאָמען אויך אַ חלק האָבן.

ווער זשע וועט דעם חשבון קענען מאַכן?
ווער זשע וועט דעם חלק מיינעם מאָנען?
און מיינסטו וואָס,
ביים לעצטן אַנבליק אויפן ווייכן זעמעלע
ווען דער מח איז שוין שאַרפער פון די ציינער...
הערט שוין אויף דאָס זויערטייג צו יאָירן?
ברוינט זיך נישט דאָס ברויט אַנטקעגן פייער?
און אַז דער לעצטער וואַסער־שלונג ברייננגט ניט קיין דערקוויקונג
צו דעם, וואָס טרינקט שוין סיי ווי סיי אָן דאָרשט,
דאַרבן שוין די זאָמען אין די טראַכטן פון דער ערד?
און אַז בלוט קילט, אברים שטייפן זיך אין גליווער,
און אויערן דערהערן שוין דעם רוף צום פאַנאַנדערפאַל,
קומט שוין דאָן דער אויפהער פון יצירה?
ווערט דער חשבון אָפּגעמעקט?
ניין, עס ווערט פון חשבון גאָרנישט אָפּגעמעקט!
עס איז דאָך גאָר דער אָנהויב פון דעם נייעם.
אַזוי ווי די פלעגמאַטישע פאַרוואַנדלונגען אין הימל נאָכ׳ן רעגן;
קומען דאָך דערנאָכדעם טעג, אַזעלכע לויטערדיקע ווייכע —
ווי רייפע, אויסגעשיילטע פרוכטן טריפנדיק מיט זאַפטן.

נאָר איינס איז דאָך באַוואוסט:
אין די טונקלשטאַלן, פאַר די אומשולדיקע אויגן פון מיין מין
וועט זיך שוין דער קלוגער טרויער קיין מאָל ניט אַנטפּלעקן,
ברייטע קעלן וועלן פריידיק הירזשען אַרום פולע קאַרעטעס
און ווי דאָס ליכט פון דער לבנה — שטראָמענדיק מיט איבערפלוס —
וועט גריץ, היי און האָבער זיין לרוב פאַר אַלעמען.
ווייל ווער עס לעבט איז וויכטיק! וויכטיק!
קיינער פעלט און קיינער איז ניט איבעריק.

טאָ ווער איז אַ באַדייטנדערער קריטיקער: בראַנדעס צי היפּאָליט-טען?
און ווער איז אַ גרעסערער פּאָעט: ווירגיל צי האָראַציאוס?

# אויב איך בין ווי דער וואָרים

אויב איך בין ווי דער וואָרים וואָס קנוילט זיך אין שטויב,
בין איך אויך אַ באַשאַף פון דיין שאַפנדער האַנט.
און שטויב איז מיין נאַרונג, מיין שפּייז צו דער זאַט,
דאַנק איך דיר גאָט פאַר דערפאַר.
נאָר אַז די ליכטיקע זון וועט אַ פלאַם טאָן אויף מיר,
אַ שוץ ווי פאַר יונה׳ן באַשער מיר אַ בלאַט.

אויב איך בין ווי די שטראָמענדע טייכן אין טאָל,
וואָס דו האָסט באַפוילן צום אייביקן יאָג,
מיט גלימער און פרייד־לויף צום ווייטסטן ים,
הויב איך אויף מיינע הענט צו דיר גאָט און איך זאָג:
אַ דאַנק דיר דערפאַר;
אויך איך האָב אַ ציל, אויך איך האָב אַ שטאַם.

אויב איך בין ווי דער שטיין אויף אַן איינזאַמען וועג
און האָסט אַ זיכערן אָרט אויף דער ערד מיר געגרייט.
ווי זאָל איך, מיין גאָט, דיר נישט דאַנקען דערפאַר:—
כאָטש עפּעס צו זיין מיט אַ באָדן פאַר זיך
און אַ רו־אָרט אַמאָל פאַר אַ בעטלער אין נויט.

נאָר אויב איך בין נישט ווי דער וואָרים און נישט ווי דער טייך,
און בין נישט אפילו אַזוי ווי דער שטיין,
הויב איך אויף מיינע הענט צו דיר, גאָט, און איך זאָג:
אַ דאַנק דיר פאַר אַלץ;
לאָמיך זיין וואָס עס איז, לאָמיך זיין וואָס איך בין,
אַ צייכן לאָז איבער כאָטש נאָך מיין פאַרגיין.

# דער פרייִדיקער אין טיפּלע

דער פרייִדיקער אין טיפּלע און דער מתמיד ביי דעם ספר,
דער מאַדאַנע־מייסטער און דער פּערזן־שלייפער,
דער מעקלער און דער טענדלער, דער קבצן און דער היילער;
דער ריכטער און דער אונטערצינדער און דער ווייב־פּאַרקויפער,
דער שיינקער און דער שיכור
און די זונה וואָס צעפּאַלט שוין באַלד אויף שטיקער —
פאַר זיי, מיין גאָט, באַדאַרפסטו זיך ניט היטן;
זיי האָבן איין געבעט אַן עכטן:
גיב עסן!
נאָר אין וויסטן הויז, וואו קראַנקע קינדער ליגן
און בלייכע מאַמעס שפּיזלען גרין ליכט מיט די אויגן,
ציטערן און שטומען אוים פאַרהייליקטע געבעטן —
פאַר זיי, מיין גאָט, זאָלסטו זיך אייביק היטן,
זיי קענען חרוב מאַכן דיינע הימלען.

## פאַר דיר מיין גאָט

פאַר דיר, מיין גאָט, גייט איצטער אויף מיין צער,
עס איז די שעה פון פיין און איך בין גרייט דערפאַר;
איך הער די מעוועןן שרייען אין דער נאַכט
נאָר שטיל איז אין מיינע דלד אמות.
מיין טרויער שטייגט קאַלט און דין
און פלייצט ווי מערשוים אויף די פעלזן.
דיין אורגייסט העפט זיך מיט מיין טרויער
און שוועבט איבער מיר און איבער טויטע זאַכן.
מיין געבעט:
עפן דיינע תהומען פאַר מיין איינזאַמקייט,
נעגטער, נעענטער צו דיר.

וואָס וועל איך טאָן, מיין גאָט,—
באַלד ווייזן זיך די לייט
מיט רויש פון גאס און לאַסט פון טרייסט.
שווער און איבעריק —
ווי אין ווייסטע נעכט דער רעגן אויף אַ טייך
וועלן פאַלן זייערע רייד
אויף מיין נשמה.

## און וואָס וועט זיין?

און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל אים באַגעגענען
און ער וועט מיר קיין בייזן בליק ניט שיינקן
און אויפֿן האַלז וועט אים דער צלם פֿעלן
און אין די הענט — די רויטע גראָב באַאָדערטע
וועט ער גאָר אַן אָקער־אייזן האַלטן,
זיין אָרים שטיקל ערד באַאַקערן,
און וועט מיך נאָך מקרב זיין מיט ליבע און מיט זעליקייט
און זאָגן מיר: איך האָב געוואַרט אויף דיר.
טאָ קום און זיי מיין גאַסט אַצינד.
און בעטן, איך זאָל בענטשן גאָר זיין טרויעריקע הויזגעזינט
און וועט זיך נאָך אַ שלוכצנדער, — זיך קניענדיק —
פֿאַר דיר מחילה בעטן.
ווי זשע וועל איך, מאַמע מיינע,
הייליקע!
דיין משפּט קענען אויספֿירן?

## ווי גרינג און דין

ביי דיין קבר שטיי איך, מאַמע,
מיט גרינגן גוף, מיט פּוסטע הענט און איינגעבויגטן נאַקן;
פאַר דיר, דו קאַלאַסאַלע — וועמען אַלץ געהערט —
האָב איך נאָך צוויי אָפּגעשפּאַרטע טרערן,
און ווען זי וועלן פאַלן אויף דיין קבר
וועל איך אַ דינער און אַ גרינגערער נאָך ווערן.

זאָל ווער עס וויל באַלאַסטן מיינע אַקסלען
די אויגן זאָלן שפּאַרן פון מיין שטערן;
מיין לעצטע תפילה דורך די בלאָע אָרעאָלן
זאָל אַחוץ דיר קיינער נישט דערהערן,

איך בין גרינג און דין געוואָרן, מאַמע.
איך וויל שוין מער קיין גאָט ניט און קיין הימל.
איך וויל זינקען אין דיין ווייכן קבר.

# אונזער בלוט

(צ. ד.)

איך בין פון שטאָלצע ניט געקומען,
וועל מיט שטאָלצע לייט ניט גיין,
נאָר ווען דער לעצטער רוף וועט קומען,
וועל איך מיט מיינע ברידער גיין.

ווי פאַרציטערטע און שטומע,
ווי פאַר׳משפּט׳ע צום טויט —
מיט פאַרמאַכטע אויגן פרומע,
מיטן טרויער אויסגעשפּרייט.

גאָר דאָס בלוט אַרויסצוגיסן,
אין דער קאַלטער ערד אַריין,
בלוט מיט זריעה אויסצומישן,
זאָל די פרוכט געראָטן זיין...

אייביק אין די גרונטן וואַכן
וועט דער זאָט פון אונזער בלוט.
זאָל אַ ברכה יענער מאַכן,
ווער ס׳וועט טרינקען אונזער בלוט.

## כ ב ו ד

פאַר דעם גאָט פון אברהם יצחק און פון יעקב'ן
האָט שבת נאַכט מיין באָבעלע געוויינט.
מיט אירע דינע הענט דאָס פנים צוגעדעקט —
שטיל — פאַר עפּעס וואָס געבעטן.
טרערן;—
ווי שנייעלאַך וואָס פאַלן אויף דער ערד
און שפּרייטן אויס אין רוים פון בלוי נעכט
אַ ווייסע, ברייטע רו,
און קושן אוים דעם צער פון אויג ביים איינזאַמען אין וועג,
אַזוי האָט נעכטן נאַכט מיין באָבעלע געוויינט.
צו ערן איר;
האָב איך די וויקטראָלע אָפּגעשטעלט,
און האָב אַזוי מיט ציטערנדע הענט
דעם טענאָר פון „לא באָהעם"—
צעבראָכן אויף דער העלפט!

# און אפשר...

און אפשר איז פאָרט דאָ אַ גאָט אויפֿן הימל,
צו וועלכן מיר ווייסן אַליין ניט ווי דינען,—
קען אונזער יאָמער זיין הויכקייט ניט גרייכן,
קען אונז זיין בליק אויף דער ערד ניט געפינען.

און אפשר איז לאַנג שוין משיח געקומען,
און ווייסן אַליין ניט צי ער איז שוין דאָ;
אַז דאָרט וואו מיר בעטן, און דאָרט וואו מיר וויינען,
איז קיינמאָל קיין זכר פון גאָט נישטאָ.

און אפשר וועט גאָט נאָך פון הימל אַרונטער,
און וועט אויף דער ערד אונז פון נאָנט דערזען,
און וועט זיך פאַר אונז ווי אַ מאַמע צעוויינען,
און בעטן פאַרגעבונג פאַר אַלץ וואָס געשען.

— — — — — — — — — — — — — —

און אפשר איז גאָר אַזאַ גאָט אויף דער וועלט דאָ,
וואָס זעט ניט, און הערט ניט, און בייז איז זיין ווילן,
און ווייס ניט אויף וועמען זיין בענטשונג זאָל פאַלן,
און ווייס ניט אויף וועמען זיין צאָרן צו שטילן...

## לייענענדיק שיילאָק

איצט ווייס איך שוין פאַר וואָס
איך טראָג ניט שטאָלץ מיין פּאָן אין גאַס ארויס,
און אויפן האַלז — קיין רויטן שלייף;
אין טאַש — ניט קיין סטילעטא
און קען קיין מאַקאַראָנעס נישט פאַרדייען,
מיט ביר און שפּעק מיין גוף ניט פעטער מאַכן.

פרעמד איז מיר דאָס ליד פון זעט און בלוט, —
אנשטאָט צו יובלען ווי די שכנים מיינע
מיט טאַץ און פּויק
פאַר טריאומף פון קולטור און אימאָרטאַלן
האָב איך די שטילסטע ליריק אויסדערוויילט
און זינג עס פאַר די קרעמער שטיל —
ווי איינער וואָס קען קיין צוויי ניט ציילן.

איצט ווייס איך שוין פאַר וואָס
איך טראָג דעם טרויער פון די דורות,
די ירושה וועט שוין אייביק מיינס פאַרבלייבן.
אַ טרער אין צאינה וראינה פון אַ באָבע,
אַן אות אין געלן פּאַרמעט וועט ניט פעלן,
ביז דער לאַנג-פאַרזאַמטער וועט זיך פאַרט באַווייזן.

און איך — צווישן שטיין און אייזן
מיט אויגן ווי בא אַ חכם — צוגעמאַכטע, —
וואָס זען מער ווי אָפענע;
הענט — (ווי שווערדן אין אַ שייד — באַהאַלטענע...)
אפילו אוים געוואוינהייט קען צו גאָט ניט הויבן —
וועל וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן,
מיט קאַלטער, אייזערנער געדולדיקייט,
פאַר עפּעס וואָס מוז נאָך ווען געשען...

## פון מויל פון פּאַרפּייניקטן

קאָן זיין אַז איך בין דאָס דער רויבטיר דער בייזער
מיט שטורעם פון ווייטלאַכן וועלט־בראָך געקומען,
מיט גרוילן פון פרעמדן און אייגענעם אומקום;
אַדאַ אויף דיין נחלה פאַרשטויסן צו ווערן.

נו ליג איך, דו זעסט דאָך, אַ לאַנגע פאַרלעגונג,
אַזוי וועל איך באַלד שוין מיין אָפּשטאַם פאַרגעסן:
און דורות וואָס האָבן מיין קיום פאַר׳תהלים׳ט —
פאַר זיי גאָר צו ווערן דער טויט־פרייד אַנטפלעקער.

עס קאָן דאָך קיין שמשון, קיין יעזוס ניט קומען
אין רויטן און ווייסן; דידאַקטן אַזוינע
מיט מוסקול און פרעפּל, פון וואַנען, פאַר וועמען?
פון טראַכטן וואָס זיינען פאַר׳סם׳ט ביז די גרונטן,
און פּלאַצן מיט ווערטער פון דולע נביאים
פאַר די וועלכע קענען נישט לאַכן, נישט וויינען.

טאַ לאָז כאָטש מיין קלאַגנאַר זיין לידל דערזינגען
(אויך ער איז ניט רירנד — אַזוי איז זיין גורל...)
אים לאָז כאָטש אַ שפּיי טאָן;
ס׳איז אַלץ וואָס ער קען, דאָס איז אַלץ וואָס ער וויל נאָך —
כאָטש איינמאָל אין לעבן פאַר דיר אין די אויגן
אַ פאַל טאָן, אַ שטאַרב טאָן, מיט תאווה מיט טויט־פרייד.

# דיר איז באַשערט

דיר איז באַשערט אַ האַלבער נביא ווערן,
אַ האָר פון צער און א קנעכט באַ שקלאַפן;
און ציטערן פון תורה ווי א ווייטע ליכט אין האַפן,
ביז די וועלט וועט ווען זיך איבערקערן.

מיט דימענטע אויגן שניידן ערד און ים'ען,
זען אַלץ, הערן אַלץ, גאָרנישט דאַרפן, וועלן;
שמייכלען ווי אַ רעמבראַנט-געטש אויף קירכישע געמעלן,
ביז עבר מיט עתיד קומען זיך צוזאַמען.

האַרץ, אָ, האַרץ מיט סטאַרטשענדיקן מעסער,
אַ לעצטן נס באַוויז, פלאַץ און ווער צעריסן.
שטראָם פון בלוט, זאָלסט זיך אַליין פאַרשליסן
מיט סוף, מיט רו, אונטער זיבן שלעסער.

## מיין זיידנס תפלין זעקל

וואָס טוט מען מיט מיין זיידנס תפלין זעקל?
אַ רעשטל פון זיין שיינעם ליבן נאָמען
וואָס איך האָב די טראַקטן פון מיין וואַנדער מיטגענומען;
דער שדי בלאַנקט נאָך אויפן שוואַרצן סאַמעט.
איצט ליגט עס אין מיין קופערט ניט פאַרשלאָסן
ניטאָ זיך וואָס צו היטן.—
זיין אנדיינק, וואר, עס איז מיר טייער—
ווי שימערענדער טוי אנטקעגן מאָרגענשטערן
מינעוועט זיין שיין אין מיין זכרון:—
זיין נגון פון מלוה מלכה,
א משל פון דעם דובנער מגיד,
א פּרוש פון דעם ילקוט אויף נזקין,
המצאה׳לאַך ביים אויפגעלויכטן טיי־טיש,
אַ זמר׳ל פון וועלוועלע זבאַרזשער,
פקחות פון מענדעלעס אַ שורה,
אַלץ געדיינק איך נאָך
און וואָלט עס אין מיין ליבע צו מיין זיידן
קאָנען איבערזאָגן, איבערזינגען, איבערגעבן
צו מיין ווייב און קינד און נאָנטער משפּחה.

וואָס טוט מען אָבער מיט זיין תפלין זעקל?
דער ש ד י בלאַנקט נאָך אויפן שוואַרצן סאַמעט,
מיין קופערט שטייט דאָך אָפן ביז צום פוילן.

## מײַן אויסדערװײלטע לאַנד

טויזנט מאָל געקנאָטענע אַטאָמען
פֿאַלן פֿון מײַן אויסגעשטרעקטער האַנט,
און עמיץ, הער איך, רופֿט מיך אָן בײַם נאָמען:
גײ שוין צו דײַן אויסדערװײלטן לאַנד.

װײַסע ליכט אויף גאָלדענע קופּאָלן
װי קלאָרער שנײ אויף בלוטיקן געװאַנט,
אַזוי האָט עס די האַנט מײַנע געמאָלן
דעם װעג װאָס פֿירט צום אויסדערװײלטן לאַנד.

אַ דימענטענער ריגל אויפֿן טויער
פֿינקלט אונטער אַלטן שומר׳ס האַנט,
אַ זינגענדיקער שטײַג איך מיט מײַן טרויער, —
אַ הימן צו מײַן אויסדערװײלטן לאַנד.

דאָס לעצטע װאָרט שוין חרוב׳ט אויף מײַן גומען,
דער זײדע שטרעקט מיר אויס זײַן אַלטע האַנט.
— װאָס ביזטו אַזוי פֿרי אַהער געקומען?
— זײדע, ס׳איז מײַן אויסדערװײלטע לאַנד.

# חצות

איצט וואָלט איך דיך וועלן זען, זיידע.
איך וואָלט דיך וועלן זען ביי דיין ספר.
דיין סיווע קאָפּ אין שאָטנקרייז זיך וויגן.
ווייס ווי ביין די הענט דיינע באַהאַפטן מיט׳ן ספר
און אין די אויגן — ליכטיקע אוצרן פון בטחון,
אַזוינס וואָס חזק׳ט גרונטיק פון מיין שכל.

האַלבע נאַכט. שטילקייט און לבנה.
עס שמעקט מיט גרינס און זומערדיקער יערונג.
רואיק שלאָפט דעם שכנ׳ס הונט אין בודע,
זים איז אים דער נאָך־טעם פון די פעטע טשאָלנט־ביינער.
שטאַלן פול מיט פּי. שטייגן פול מיט עופות.
זינגענדיקע ווינטן. זילבער אויפן גאָרטן.
רחבות׳דיקע שפע. זיכערקייט און רו.
אַ שטערן פאַלט אין שימערדיקן צירקל.
עס רופט דער ערשטער קריי פון האָן —
זיידע שאַרט געניטע טריט.

איך זע אַ וועלט, אַסקעטן-וועלט, אין טלית און אין קיטל.
רינגען צער, רינגען פרייד — אונטער אַלץ איז באָדן.
ברייטער טרויער גלגול'ט אויף פון זיידנ'ס מיטנאַכט תפילה.
טרויער שטייגט — טרויער נאָגט שוין אין מיין האַרץ.
טויזנט אימות הויבן מיך פון בעטל.
איך אייל און וואַקל צו דער מאַמען:
זאָג, וואָס וויינט דער זיידע?

האָסטו, זיידע, נישט געוויינט אויף מיר און אויף מיין גורל?
האָסטו ביים שיין פון חלב-ליכט געזען מיין לעבן צאַנקען?
זיידע, גוטער זיידע מיינער:
זאָל דיין בליק אַ רגע כאָטש אויף מיר אין חלום רוען.
וואָלסטו געגלויבט, אַז דיין צוואה וויינט אויף מיין צעשטערונג?
געטשקעס, לאַנגוויל-אויסגעקליגטע, זיינען מיינע נערער.
איך יום-טוב נישט מיט טרוקן ברויט —
אַ פרעמדע, וויסטע חגה.
מיך לאָקט דער ווייַן און ליכטיקייט פון פריילאַכע האָטעלן
און טרייסט ברענגט אויך אַ גאַסנווייב
מיט ליבע פון באָרדעלן.

# אין טעמפּל

ווייס בלאַנקט די מזרח־וואַנט
און אינדערמיט לויכט די זיבנרעריקע מנורה.
זיבן קאַלטע גלאָבן שיסן פייערלאַכן אנדיינק
פון פּאַסטאָראַלער גלאָריע.
בליצלעמפּ שטעכן יעדן טונקעלן טעמפּל־ווינקל;
ליכט שרייט, ליכט רייסט יעדן שטילן שפּור פון חלום.
טיפער אָרגל־ציטער צאַפּלט אויף קאַלטן פּאָליטור פון מירמל.
איידלשטים פון ווייסן דאַמען־כאָר גייט אויף בוימלדיק צום סטעליע
און הויערט ווי אַ מידער שמעטערלינג ביי אַן אויסגעלאָשן פייער.

עס שמעקט מיט וויאָלעט און דרויסנדיקן האַרבסט.
עלעגאַנטע טאַנגאָ־טענצער זשאָנגלירן מיט מאַגנאַטישן מאַניער,
נאָר אויף די געשניצטע קאָלאָנען הייגגט מיין חרוב'ער יום טוב
און שפּרייט זיך אין קרעם גלאַנציקע דיאַגראַמען.
שוואַרצע אומעטיקע אויגן האָבן די מתפּללים
נאָר תּפילות — פרעמדע און אָן טרויער,
טעאַטראַלער שליח צבור שטייט שטייף אויף דער עסטראַדע
און רעט געטאָקט וועגן האַרטנעקיגן פאָלק ישראל;
ציטערט אויף מיט אָראַטאָריש שטים און מאַנוקירטן פינגער:
„פאָרכט נישט, קנעכט מיינער, יעקב.“

שוואַרצבאַפּראַקטע פּסעוודאָ אנוסים זיצן שטיל אין סאַמעט
מיט ווייב, קינד, באַנקביכל און נייגיר,
ווי פּאַר אַ רייטנדיקער צירקוס־דאַמע
וואָס וואַרפט געפּאַר און לופטקושן צום אוידיענץ.
(אָפּפּער האָט מען אין רייך און אומעטיקער היים געלאָזן
מיט העפלאַכן באַפעל צו דער דינערשאַפט, —
שטאָלצע שוואַרצשריפט אויף גלאַנציק־ווייסע קאַרטן
אויף טירן פון קאַנטאָר און קראָמען אויפצוהיינגען:
„יום־טוב. ביז זעקס נ. מ. איז היינט געשעפט געשלאָסן.“)

אויף דעם ארון קודש שטייען צוויי גילדערנע לייבן
מיט אָפן מויל און קלאָ פון לאַפּע צום אָנכי:
רו צו אייך, שומרים, גענוג, נישטאָ שוין וואָס צו היטן.
הינטער דעם פּרוכת בליט דאָס קאַלטע ליד פון טויט
און גאָט שלאָפט אין טיפע קובן גאָלד —
מיט אַ שלאָף — וואָס לאָזט זיך נישט דערוועקן.

# ט ר י ט

האַרט, ווי טריט אין פּראַסטיקן באַגינען;
גראָ־ווייס, ווי דער ווינטערדיקער אָטעם פון אַ פערד —
קומט אַ מאָל געריכטערהייט דער טויט
צו דעם, וואָס האָט שוין לאַנג אויף אים געוואַרט,
דעמאָלט האָט ער גאָרנישט ניט פאַרזאַמט
און וואָס ער נעמט — איז לאַנג פאַר אים געגרייט.
נאָר צופעליקע קלוגע אַלטע לייט,
וואָס שטייען סיי ווי טעגוויייז אויפן גאַס —
די איינציקע באַגלייטער נאָכ'ן אָרון —
גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...

האַסטיק, ווי אַ הירש אין אַ גאַלאָפּ
מיט ברייטע אויפגעבליצטע אויגן,—
ווי ברוינגאָלד אין גלימערנדן אָקטאָבער,
נישט געריכטערהייט —
קומט אַמאָל דער טויט
צו דעם, וואָס האָט דעם ערשטן טראָט געמאַכט,
דעמאָלט האָט ער טויט שוין אַלץ פאַרזאַמט.
הינטער אים צעפּראַלן זיך די גרונטן,
מיט סטאַרטשענדיקע וויברירענדע זאַמען
און רייצן אים — ווי רויטע רייפע טרויבן
אויף וויגענדיקע שפּיצן פון די בוימער
קעגן מחנות הונגעריקע, שפּרינגענדיקע פוקסן...

# קאלײדאסקאָפּיש

דער טויט קומט אין אָרים הויז אַרײַן אַ זיכערער,—
ווי אַ גאַסט צו אײגענע — ער קלאַפּט ניט אָן אין טיר,
ער אײלט ניט און זאַמט זיך ניט
און נעמט מיט פּעסטע הענט וואָס אים איז אָנגעגרייט.
נאָר ביים ערשטן זאַלפּ פון אויפגעפּראַלטע קעלן,
וואָס שטראַמט מיט יאָמער פון דער אָרימשטוב
און טראָגט זיך אין וויסטן חלל ביז דאָס הארץ פון גאָט,—
בלייבט ער שטיין געפּלעפּט און בייגט זיך אין חרטה:
דערפאַר טראָגט ער שטענדיק שוואַרצע קליידער
און ווייכט פון טרייסט און העלע מראה.
נאָר זויגלינג אין די שויסן
און קינדער אין די וויגן
באַקומען דעמאָלט קלאָרע ווייטזיכטיקע אויגן,
און זען אים ווי אין אַ רעגנבויגן.
צום ערשטן מאָל דערהערן זיי דעם קול פון אמת
וואָס איז אייביק — ווי ערד און הימל.

# ר ע ק ו ו י א ו ם

(ב. ל.)

אויף דיינע וועגן אָטעמט ברייט די ווייסע וואָרע רו,
באַוועלטיקט דיך מיט קעניגלאַכער מאַכט;
דורך טרויער און מינענדיקן זילבער פון פאַרנאַכט,
זע איך נאָך דעם שפּור פון דיינע טריט.
דיך זע איך ניט.

פייכט פינקלדיקע אויגן מיינע זוכן דיך אַרום,
פאָרשנד, ווי דער ווינט אויף ים און גראָז,
גרינג ווי אַ סאַרנע צי איך זיך צום הויך,
וואָלט איך איצט דיך זען אין אַ תהום —
מיט געשריי וואָלט איך געזונקען.
איך זע דיך ערגעץ ניט.

דיין קורץ און ביטערע רגע אין מיין שטילער שטוב
פליגלט נאָך מיט סומנע סודות פון פענאָמענאַל;
פון יעדן ווינקל שאַרט זיך פינסטערער פאַנאַנדערפאַל.
די לבנה, ווי אַ גלימערנדיקער סערפּ
שנייט אין מיין פראָסטיק ווייסער שויב
און רעט צו מיר שטרייננג און קאַלט:
טויט איז דאָס וואָס איז געווען.
טויט וואַרט אויף דאָס וואָס דאַרף זיין.

איצט צאָל איך מס פאַר אַלץ וואָס איז פאַרביי
און אויך פאַר דיר, פולגאַליקער אימיון,
דורך טיפע נעכט ביז אויפגאַנג פון דער מאָרגן־זון
ליג איך וואַך מיט אויגן אָפענע און שטאַר;
ליג איך וואַך, מיט אַלע אברים וואַך,
ווי ערשטאָמאַנען נאָך אַ ליבעטאַנץ.

אַזוי וועט זיין: שטענדיק שאַרפן מיין געהער
פאַר אָפּדאַכט פון ווייענדיקע פידלען אין די ווענט,
און ווערטער וועגן דיר, וואָס פאַלן גרינג אי שווער,
פון די וואָס האָבן דיך יאָ און ניט געקענט.

———————————————

און איינמאָל זעט דאָך יעדערער זיין גאָט,
נאָר ריידן קען צו אים קיינער קיינמאָל ניט.
ווי אַ חלף בלאַנקט ער פאַר די הייסע ווייכע אויגן,
טויט פיקט, סצעפּטערט מיין געבעט.
וואָרט שטומט, שטאַרבט אויף מידע ליפּן
און טרער ברענט אין נעפל פון דערבאַרימונג.

## מיינע אָפּגעלעבטע טעג

מיינע אָפּגעלעבטע טעג שטייען ווי אַ רייע שומרים הינטער מיר
און חוזק'ן פון מיר דעם מיטלסטן, געפאַנגענעם אין קרייז,
צו מיינע אויערן דערגרייכט וואָס איינער צו דעם צווייטן זאָגט:
לאָז אים ניט פון אונזער בלענדנדער געפיינקעניש אַרויס,
ביז אַלעס וואָס מיר האָבן אים געטרויט
וועט זיין צוריקגעצאָלט.
הכנעה'דיק און שטום
שאַר איך זיך אין רינג פון מיינע מאָנענדיקע טעג,
קומט יעדן טאָג אַריין אַ פרישער מאָנער אין דעם קרייז
קומט יעדע רגע צו אַ נייער רינג אין קייט
שטייפער, זיכערער דער צאָם,
און גרעסער שווערער ווערט דער חוב.

שטיי איך אַ געפאַנגענער און צאָל
און איך צאָל, און איך צאָל, און איך צאָל —
מיט זעט, און מיט רויטקייט פון מיין בלוט,
מיט דעמבענדיקע שלאַנקייט פון מיין גוף —
מיט פינקעלדיקע פייכקייט פון מיין אויג.
און זיי, די טעג, מיינע אָפּגעלעבטע טעג,
נעמען אַלץ, און מאָנען נאָך, און לאַכן נאָך פון מיר.

# איצטיקם

# איצטיקס

ניטאָ שוין קיין לירע,
דער זשאַווער האָט לאַנג שוין די סטרונעס צעפרעסן;
אויב עס שטייט נאָך באַם פענסטער דער אַלטער אַרלעקין
איז אַזוי ווי אַ מומיע — אים צערטלט שוין קיינער.
אין טונקעלע זאַלן, באַם וויין־שיין, אין נאַכט רו,
הויערט דער שטויב אויף די ווייכע דיוואַנען
און קנייטשט זיך אין פאַלדן.
די ראָז ווייסע הענט פון די איידעלע דאַמען
ווי שוועבנדע פליגלען פון שניי ווייסע מעוועץ
הייגנען אַרונטער — באַפראַנזטע אין זיידנס —
פאַרביינקטע צום שאָטן פון צאַרטן מאָזאַרט.
נאָר דער גלאָק און טרומפייט און דער פויק אויף די גאַסן
דערגרילצן דעם טרויער אין זאַלפיקן ריטם.
זאָל ווער עס וויל טאַנצן אַ פרעכטאַנץ, אַ פריילאַכס,
זאָל ווער עס וויל קלאָגן אַ טראָציקן יאָמער —
אַלציינס פאַר דעם בלייאיקן הימעל.

ניטאָ שוין קיין כהן, קיין לעמל אין משכן,
דער אורים ותמים איז לאַנג שוין צעשמאָלצן
עס קרויזט ניט קיין ווייררויך פון גאָטישע שפיצן
עס פערכעט די ליריק פון ישו הנוצרי;
אַ קלאָון, אַז ער וויל, רעט ווי משה בן עמרם;
אַ זונה טיילט צדקה דעם נזיר באַם גאַנגעס,
ס'איז חלף, אַלץ חלף, נישט אָקס בלויז דער קרבן.—
ס'איז די גאַנצע ערד אַ מזבח אַ רויטער
און ניטאָ ווער זאָל שטראָפן. ניטאָ ווער זאָל בענטשן.
אָ, ווער וועט דאָס דינקייט פון טיף פיין דערהערן
און ווער וועט פאַרווערן
צו רעוועֿן מיט גרוילן, מיט בלוט צו דערהיצן
די שטאָל קאַלטע פלאַטן, די קובן די קריצן —
אין גאַנג צו דער מיסיע.—
ביים פאַלן און אויפשטיין.

# שאַנד

ניט צום טאַקט פון פּליוט און האַרף
און ניט אין סטיל און פיינעם זשעסט פון לעגענדאַרישן שעקספּיר —
גייט אויף אַצינד מיין האַרבע ליד, וואָס שנייט ווי חלף שאַרף,
און ניט פאַר אייך זינג איך, איר שטאַרקערע און פיינערע פון מיר.

עס איז דאָס בלוטנדיקע האַרץ אין מיר, און ווי אַן אָפּן־קעל
גרילצט לאַמענט און מיזערע אונטער די קלויען פון מיין פּען,
פאַר שאַנד פון בעטלער האַנט, פאַרציטערטע און געל,
וואָס איך האָב היינט באַם ראָג פון אָרים גאָס געזען.

עס איז די שאַנד וואָס שרייט אין מיר און גיפטיקט אין מיין בלוט,
וואָס זיינע הענט, ווי מיינע הענט, אַ ענלאַכקייט פון הענט,
(קען זיין, דער נביא רעט דורך צער פון בעטלער און הדיוט)
נאָר איך וואָלט גרינג אַזוינע הענט זיך אָפּהאַקן געקענט.

אַ גאָט מיינער, וואָס ליגט אַזוינס אין שאַנד־געבעט פון קנעכט,
וואָס קיינמאָל גרייכט עס ניט צו דעם וואָס דאַרף דערהערן;
אַ קירכע־פּראַנט האָט פאַרפומירט די שמאַטעס אויפ׳ן לייב פון קנעכט
און זע, ער וויל דאָך נאָך דערפאַר פאַרדענקמאָלט ווערן.

## ביי אונז אויף די גאַסן

עס איז נישט אַזוי אונזער גאַס ווי דער מאַלער טוט מאָלן.—
איז וואָס, אַז ער שמירט אונזער דאַך מיט דעם גאָלד פון די זונען,
אַז ער ווייס ניט ווי היימיש דער טויט קוקט און אונזערע שויבן,
ער האָט ניט געזען דאָס פנים פון מאַמעס אין הונגער.

ווי שיפן אין נעפל, פאַרשלונגענע טעג פון דער פראַצע —
זעקס טעג אין דער וואָך, ווי אויף העלפאַנט־פיס גראָבע,
אין רו־טאָג און יום־טוב, אָט האָב איך דעם פנקס, און לייען
די טעמים פון „האָט דאָגס" און אומלוסט צו אייגענע ווייבער.

אַ חרוב'ע מויד ווי אין דעמער, אָט גייט זי פון אונזערס אַ געגנט,
אַזוי גייט אַ קלאַון נאָך זיין אמת'ן אייגענעם טרויער.
(אַליין דאָס העמד זיך געוואַשן, דער נאַכטיקער פרייז זאָל נישט פאַלן)
פאַרטאָג וועט זי ברייינגען דעם גרויל אין די אויגן און פלאַם פון עקזעמאַ.

און אונזערע קינדער — ווי דין זיי צעפלייטן וועלט־ניים אויף ראָגן:
אַ קאַץ איז געשטאָרבן, אַן אַף האָט גע'מפל'ט אין זיידנס;
און אין ליכטיקע ווייטן, עקרים באַפליכטע זינגען לבנה־נגונים —
אַ דאַנקבאַרער הערט זיי דער קעלנער, אין פראַק, ווי אַ מומיע.

און גאָרנישט איז אייגנס ביי אונז אויפ'ן טיש דעם געגרייטן,
אַפילו דער טרויער איז אויך שוין אַ טעמפּער, אַ ברודיקער חלף —
ער שנייט נישט, נאָר קיצלט באַבעלמעטע אויגן פון מאַלער,
און בעט זיך: באַצירט מיך אין גאָלד ווי דעם ליגן.

## מיר וועלן מער נישט גיין.

מיר וועלן מער נישט גיין אין טונקעלע בולוואַר־אַלייען
באַם שיין פון דער לבנה זוכן ליכטיקע גן־עדן רגע׳ס.
נישט פאַר אונז דער סודות׳דיקער צויבער אויף מימאָזן,
זאָל שוין אונזער אינגל שניידן דימענטענע פענעצלאַך חלום.

אויף רווישענדיקע גאַסן גייען מיר — שווער און אָן חן,
ווי מידע רינאָסערן באַרג ארוף;
מיט לעצטע זיסקייטן פון וואָר קוקן מיר זיך אָן,
אין אונזערע אויגן איז דאָ פּיין און טרייסט.

שטיל עסן מיר אונטברויט אין קליין און ציכטיג הויז,
מיט יעדן בים אין ברויט, מיט יעדן הילכיק זופּ —
פאַרטרייבן מיר דעם לווערנדן טרויער
פון אונזערע קליינע ציכטיקע צימערן.

דיין בלייכן געזיכט, אָנהויב פון גראָ אויף דיינע פּאות —
עפענט מיין שטומען מויל צום ריידן—.
אַ שמייכלענדיקער זאָג איך: יאָ, דער טפש פּאַאוסט
האָט אויך געוואָלט, געוואָלט און נישט געקענט.

מיר וועלן מער נישט גיין אין טונקעלע בולוואַר־אַלייען,
באַם שיין פון דער לבנה זוכן ליכטיקע גן־עדן רגע׳ס,
נישט פאַר אונז דער סודות׳דיקער צויבער אויף מימאָזן.
זאָל שוין אונזער אינגל שניידן דימענטענע פענעצלאַך חלום.

# אַ הימן צו אַרבעט

כ׳וועל ווײַלן מײַן וועג אויף די ברייטע, און שטויביקע טראַקטן
אויף האַרטן און ברודיקן באָדן,
וואו ס׳הילכן די טריט פון די גייער;
וואו ס׳ציִען זיך רייענווייז מענער פון אַרבעט,
וואו פײַפנדע קוימענס מיט זיילענדע פונקן
שיסן מיט חוזק צו הימלשע הויכן;
וואו שווינגענדע האַמערס אין פעכטנדע אַרמס
שלאָגן מיט גבורה אויף שטאָלענע פּלאַטן;
וואו רעלסן — ווי בליצן אין טונקעלע וועלדער —
ביים ראַנד פון די בערג און ביים זוים פון די טײַכן
ליגן געשמיטע אין בויגיקן שימער;
וואו ס׳פליִען די באַנען אויף שטרעקעס — ווי פײַלן,
פון ווײַטן און ווײַטן, אָן ריקצוג, אָן אָפּשטעל.
און מיטנעמען וועל איך דעם גלאָק פון׳ם זשאַווער.
צעצונדענע פריידן פון קינדער און נאַרן,
געדולד און עקשנות פון זיידעס און באָבעס,
ווילן און גלויבן פון טויזנטער דורות,
וואָס איז נאָך ביז איצט צו קיין תיקון געקומען.
און וועל עס אַנטקעגן דער זוניקייט טראָגן,
און קלינגענדיק זינגען אַ הימן צו אַרבעט!
צום טאַקט פון די טריט פון די גייער,
צום פײַף פון די קוימענס,
צום קלאַפּ פון די האַמערס,
צום לויף פון די באַנען,
צום רויש פון די האַפנס,
צום האַר פון ים און יבשה.
און אַז איך וועל צעוויגן דעם גלאָק אין באַוועגונג,
וועט איר שוין דערהערן, און קומען, —
מיט טאָץ, מיט פּויק און מיט קוילן,
מיט ביר, מיט פּענזל און קאַנווע,
צום יום־טוב פון אַרבעט!

# די פּראָצעסיע

זיי זיינען פאַרגאַנגען ווי ווײַרויך אין לופטן,
מיט וואונדער ווי מתים אין כשוף;
מיט ווייסע געהויבענע הענט צו דעם הימל,
מיט פרעפל צו בלויע מיראַזשן,
מיט אויגן פאַרשטאַרטע אין דינער מיסטעריע
ווי צאַנקנדער שימער פון זינקענדע שיפן.
זיי זיינען פאַרגאַנגען פאַרביינקטע אין הויכן
מיט שטומע געבעטן און הייליקע פאָנען.
זיי זיינען דערלייזט נישט געוואָרן.
זיי האָבן נאָר שפורן געלאָזן.

נאָר די וועלכע קומען גייען שוין אַנדערש —
מיט האַרטערע טריט אויפ'ן טרויערנדן באָדן
ווי שפרינגענדער האָגל ביים בלענד פון די בליצן;
מיט פאַרשנדע בליקן אויף איטלאַכן ווינקל,—
איינמאָל אַ קוק — ביז די נאַקעטע גרונטן,
ביז ווייס פון די וואָרצלען.

נאָר די וועלכע קומען גייען שוין אַנדערש —
צום טאַקט פון דעם קלאַפּ פון דעם אייגענעם האַרצן.
מיט יונגע פאַרהאַריקטע ברוסטן,
מיט גראָבע מיט האַרטע דלאָניעס,
מיט פאַקל אין האַנט שטייט דער נביא
און צייכנט דעם שיידוועג.

# פּראָלעטאַריער

צו אונז געהערט אַ שוואַרצער שטח האַרטע שטאָטיש ערד,
שטייגן גאַריקע פון שטאָל און שטיין מיט קרעכצנדיקע טרעפּ,—
און גראָבע ברויט מיט באָב און קרויט צום פּרעס פון פעטע טעפּ
און קרייטיכער, וואָס פּאַסן פאַר אַפּן און פאַר פערד.

אַלטע טוך, וואָס פוילט אין קראָם, געפעלשט נאָך אין פאַבריק,—
מיט דעם באַנייט דאָס אָרים ווייב, אי זיך, אי מאַן, אי קינד;
און ווי מ'טוט איז שלעכט, און וואָס מ'טוט איז זינד —
און אויגן זען, האַרץ דערפילט, — כאַטש בינד די הענט מיט שטריק...

אונז דערשמעקט די קריינק צוערשט און שפּרייט זיך ווי אַ פּעסט,
צעלייגט אונז ווי ליזאַרדן,—רירלאָזע אין שלאָף;
און אָפט באַפאַלט מען אונז, ווי וועלף אויף אומבאַשיצטע שאָף:
טויטע נעמט מען צו, מ'וויינט און מען פאַרגעסט.

טויזנט מאָל געהערטע ברכה פון דעם רב און פּריסט,
שאַלט נאָך אַלץ פון פּוסטע ווענט, פון אויסגעמיידטן קול;
און אַז מ'פאַלט צו־פרי אין יאָך איז דאָ אַ שטאָט־שפּיטאָל,
זיסע רו: אַזוי, אמאָל ווערט אונזער לעצטע שעה פאַרזיסט.

# באַגינען

מאָרגנשטערן דימענט נאָך אַן איינזאַמער אין הימל.
רויטע בענדער ציען זיך פֿון בלוטנדיקן מזרח.
האַרטער פּערלמוטער פּלאַצט אין בלויען נעפּל.
טויט איז נאָך די ברייטע עווענין.
שטיל ווי פּריירים אונטער שניי ליגט די קובנשטאָט.

ברייטפּלייציק — זיכער ווי אַ קינד —
שטייט אויף דער ריזנ־נאַר פֿון שלאָף
מיט וואַרימקייט פֿון בעט און אויפגעוועקטער נויט.
גענעצט אויף ווי אַ באַבון אויף רו און שטילע ווענט,
שוואַרצער קאַווע־טעפּל קנאַקט שוין אונטער פּלאַם.
מויל מאָלט רעשט פֿון אָוונטברויט.
צער מילגרוימיקער קייקלט זיך אין האַרץ:
צו ערשט דין, ווי בושה פֿון עקרות.
דערנאָכדעם צעוואַקסט ער זיך און שווייגט.
נאָר נויט און סאַטאַנ׳ס עונש שרייט:
נישט דערקנאָטענע אַטאָמען וואַרטן — גיי!
לאָם, רידל וואַרט — גיי!
גיי, פּראַצע וואַרט — גיי!

נאַכט־מאַדאָנע קנאַפּלט אויפ'ן ברוק:
שווער און מיד.
טראָגט צעבערס פולע ליבע און אַבסינט
פון דער טיפער נאַכט, פון דער גאָרער שטאָט.
אייל, זון מיינע! לויכט, וואַרעם צו
די ביסן פון אַ לומפּ אויף אַ קינדיש לייב.
גאָט, באַשטעל אַ לעצטן ראַנדעוואו,
מעג זיין מיט אַ גרענאַדיר.
איך שיינק אַ מימאָזע־קראַנץ פאַר איר
און דו, בעל רחמים'דיקער,
אַ לעצט געלעגער גיב און דערזעטיקט רו.

טויבער ראַקעטן־קנאַק און ווייטע זאַלפן־שראָט
צעשיטן זיך מיט טויזנט עכאָס איבער שטאָט.
קורצע, קאַלטע גאַסן בליען אין דער בלויער מאָרגנקעלט
און ביי די ראַנדן גלאַנצן ווייסע שופּן פראָסט.
גאַסנקערער פינטלט אין דעם חלל ווי אַ ווייסער שפּין,
שפּרייט קאַלטן צוגרייט פאַרן פּויזנדיקן טאָג.

# גאָלד און בלוט

דעם האַר׳ס פּאַלאַץ שטייט הויך אויפ׳ן באַרג —
ווייס און ניי.
פון דעם רויטן דאַך בלאַנקט פריש פאַרב אַראָפּ;
פון געזימס און קאַלאָן
און פון קאַפּל אין אַרק פון דעם ברייטן באַלקאָן
זינגט די דערגאַנצונג פון אַרכיטעקטור,
שטיל און האַפּערדיק —
ווי דאָס געזאַנג פון גאון ביים דערפאַרשונג.

די גרינע הערצער פון די גילדערנע דעפּאָדילן —
אַ שרונט אויפן לאַן ביים ראַנד פון פּאַלאַץ
עגבערן זיך אין די מילך-ווייסע ווענט,
און שטראָמען מיט רייפקייט און פרייד פון דער ערד:
עס איז סוף זומער, — און פּאַלקאָם וועלט.
נאָר אַ שטער פאַר דאָס ליכט פון דעם האַר׳ס קאַבינעט
שטייט האַרט ביים פענסטער
צעצווייגט און פאַראייניזאַמט — ביז גרונט פון דער ערד —
דער פּאַטריאַרך אַקאַליפּט,
פאַר וועלכן מ׳האָט שוין אַ וואַלד-האַק באַשטעלט,
און אַ שוואַרצן יונג מיט צוויי הפקר-הענט
(נישט ער און נישט גאָט ווייס וואָס צו טאָן מיט זיי...)
פאַר אַ לוין פון אָפּפאַל ברויט און אַלטן ראָק.

די מיטאָג זון גליט, בלענט ווי אַן אויג פון גאָט
און נעמט אויף דעם ערשטן קרעכץ
וואָס ברעכט זיך אַפיר פון אונטער דער האַק:
אַ בויג און אַ פאַל און אַ זינק,
אַ ריזיק לעבן פאַלט!
ליגט פלאַך אויף דער ערד.
מיט טויזנט גרוילן ציטערט אויף דאָס האַרץ פון דער ערד.
הייסער דאמפף זעצט פון דעם ווייסן אָפּגעהאַקטן שטאָם;
עס איז שטיל.
נאָר דער רויטער זינגפויגל וואָס איז האַלבוועגס מיטגעפאַלן
האָט דעם נס נישט דערוואַרט,
דעם טרוים נישט דערטרוימט,
נישט דערזונגען דאָס ליד
און דער נעסט אויפן בוים איז צעשטערט
איצט האָט ער די פליגלען צעשפּרייט
פלאַך און שטייף
און זיך אויפגעהויבן גלייך אין דער הויך
ווי אַ רויטער מעטעאָר אין דעם בלויען אַזור,
מיט געשריי: עס איז נאָך ניט דער סוף,
ניט פון נעסט, ניט פון בוים,—
אַלץ בייט אָרט.

# צאַרט ווי דער נאַכטיגאַל

צום סוף פון טאָג, ביים פּראַצע פון געוועש —
האָט זיך די יונגע נעגערין אַ לעצטן מאָל
די היפּטן און דעם בויך באַטאַפּט.
דערזען אַז די פּיס אירע פלאַצן פון דער הויט;
דאָס שוואַרצע לייב איז מילגרוימיק און שטייף
און ווי אַ חלף וואָלט געשאָבן אונטערן דיך,
האָט זי זיך פאַרטראַכט: — שוין צייט?
איז זי צו צום מאַן, דעם ברייטפּלייציקן אַטלעט.
העי מאַן, גיב אַכטונג אויף די גרעט.
איך גיי.—
און האָט זיך אַליין אין שטאָטשפּיטאָל געפירט.
האָט מען איר אין בוך מיט אַ ציפער נומערירט
און מיטן סטאַרטשענדיקן בויך אין ווייסן בעט געלייגט.

אינוואַלידן און מאַדאָנעס ליגן שטיל,
נאָר נישט אַ פּראָסטע נעגער־ווייב, וואָס גייט צו־קינד.
האָט זי זיך געטאָן אַ בייג און אַ דריי ווי אַ וויכערווינט
און איינמאָל אַ געוואַלדיקן געשריי
ווי אַ קראָ וואָס זעט דעם טויט.

אַז דער ערשטער פּלייט פון קינד האָט זיך דערהערט
אין ווייסן חלל פון שפּיטאָל,
האָט דער אַלטער דאָקטאָר מיט אַ האַרבן קול
צו די אַרומיקע ווייס־באַמאַנטלטע לייט געזאָגט:
קוקט, אַגנאָסטיקער, און זעט — גאָט׳ס שפּע׳דיקע גאָב;
די אָרימע הדיוטים קינדלען גרינג, שיטן ווי מיט באָב,
דער פּעשענאַבעלער און רייכער איידלפרוי
באַדאַרף מען אָפּט דעם בויך פּאַנאַנדערשניידן*)
און קליינע צעזאַרס שטאַרבן אונטער׳ן מעסער.

---

*) "סיסעריאַן שניט," דורך וועלכן יוליס צעזאַר איז געבוירן.

צו דער וואָך האָט זי אַהיים, אין עלנט שטוב,
איר נאַכטיק סאַמעטענעם קינד געבראַכט,
מיט אירע נייע גרינגע הענט
דעם קינד אויפ'ן ברייטן בעט געלייגט
און צום גאַפנדיקן מאַן האָט זי אַזוי געזאָגט:
העי, ניגער, זע נאָר ווי דאָס סמאָטשערט מיט די ליפּן —
דער יונג איז אין דיר געראָטן,
מיט נייגונגען צום פרעס און שווערן שלאָף.
ער ליגט דערווייל נאָך ווי אַ קריינקער קראָט
נאָר אויפ'ן קאָפּ קרויזט זיך אים שוין דינער קופּערדאָט
און אויגן האָט ער פול מיט שוואַרצן דימענטשטיין.
אַז ער וועט גרוים ווערן וועט ער אין דיינע וועגן גיין
און הייגנען אויף די הייספּלייציקע מוידן פון זיין שטאָם
אין שענק פאַרשווענדן זיינע טעג און אין געפעכט—די נעכט,
נאָר איך וועל אים באַקענען מיט גאָט און איידלקייט.—
דערביי האָט זי איר פייכטן בליק צום ווינקל־לאָמפּ געווענט
און אין האַרצן האָט געבאַקט די ליבע צו איר קינד
ווי הייסער מעש —
און צאַרט ווי דער נאַכטיגאַל.

# צו קלאָד מעקעי

ניט רעד צו מיר פון היים-ווײ און ראַסענהאַס, קלאָד מעקעי,
מיר זײַנען ניט די ערשטע און ניט די לעצטע צוויי
וואָס צערטלען מיט אײַפער דעם באַרעכטיקטן שאַבלאָן,
ניטאָ שוין באַלד מיט דעם זיך וואו אַהינצוטאָן:
ווײַן, ווייב און רייד,— פאַרצערט האָט אַלץ דער דרײַפאַכער געיעג;
אָפּגעווישט איז לאַנג שוין דער ליכטיק שמאָלער וועג
וואָס פירט צו ליבע און צו גאָט, חבר, איך שווער,
איך ווייס ניט וואָס איז איצט נאָך ב י ל י ג ע ר
פון וואָרט, אפילו בא דעם וואָס, נוצט אים אַ תשובה-שעה:
צו וואָס, צו ווּעמען דער „אָווע מאַרי“ און „אַ סאַלע מעיאָ“
וואָס גלגול׳ט פון אַ היפּערזיניקן מילטאָן אָדער קיטס:
ווערטער, ווערטער—מאַטילנפּלאַטער אויף זשאַווער פון אַ נאָדלשפּיץ,
איך ווייס נאָר, אַז די ברוינע מויד, וואָס טאַנצט אַ נאַקעטע אין וויסטן וואָדעוויל —
ברײַנגט מיר טרערן אין די אויגן, מיר דוכט, עס ווײַנען מיט די ווענט,
די שטולן און דער דיל,
ווי עס ווײַנט פאַראײַנס דאָס קראַנקע אינגל אירס, וואָס וואַקלט ווי אויף הינערטריט,
אַז בלויז זײַן בליק אויף מיר — און גאָט — איך האָב קיין ווערטער ניט.
נאָר דו — בראָנזענער ברודערל (אַפריקאַנישער ווערלען)
האָסט דאָך שוין דעם טויט און דעם איבערטויט אויפן בוים געזען...
ווי אין שווינדלשײַן פון אַ קאַלײַדאָסקאָפּ,
בעת מ׳זעט אין אים אַ בלוטנדיקן יעזוס מיט אַ מעדוזע-קאָפּ...
נאָר ניט דעם שטומען האַר, וואָס זעט אודאי אויס ווי "אָנקל טאָם",
וואָס טראָגט דעם שליסעלע פון ערלאַך ברויט און חן פאַר שטאָט מיט שטאָם,
ווי אַ בוגרת טראָגט איר ציצן-רײַץ פאַר לײַט מיט הייסן בלוט.
(אַ גרונטעסטיק פון דעם אינטעלעקט און אפשר אויך פון דעם הדיוט...)

נאָר ווער וועט גלויבן דעם שטומען האַר אַז ער האָט דעם שליסעלע
שוין לאַנג געהאַט,
אַז רעדן רעט ער ניט און קען אפילו נישט לייענען אַ בלאַט...
אַז ווען מען זעט אים מיט'ן לאַסט — מיינט מען — ס'איז אַ שטיר אין שפּאַן,
נאָר מ'ווייסט ניט ווי קראַנק ער איז שוין פון דעמאַגאָג און גראַפּאמאַן,
פון רייד און לויב און לידער אויך וואָס שמעקן שוין ווי טכוירן-בלוט...
(כאָטש גרייכן זיי דאָך סיי ווי דאָרט, וואו אונזער אומגליק רוט)
ביז פולער דונערזאַלפּ וועט ברעכן זיין דורותדיקן קלעם,—
וועט עס זיין אַן וואָרט — נאָר שטאַרק — ווי דער גערוך וואָס שלאָגט
פון אונזער וועלטבאַנעם,
נאר דאַן וועסטו שוין אויך זיין שטיל ווי דער אָדלער אונטער וואָלקן-פּלי,
ווען מען באַלאָרבערן און באַזינגען דיך מיט א יזכור-מעלאָדי,
נאר ניט אין דיינע טעג וועט קנאַקן דער געאַנטער נס:—
די ברוינע מויד וועט לאַנג נאָך לאָבן זיך מיט „האָט דאָגס" און „דזשעמ";
דער שטומער האַר וועט לאַנג נאָך ליגן אונטער מיסט פון גאָט,
און איך — אַן עפּעמער, אַ זויפנבלאָז, אָ, קלאָד.—

# איי - לע - לו . . .

(יאָסעלען)

אונטער דיין וויגעלע שטייט ניט קיין ווייס ציגעלע,
דער טאַטע איז מיט ראָזינקעס האַנדלען נישט געפאָרן:
נאָר מיט אַ זעג און האַמער ערגעץ אויפ'ן צוועלפטן גאָרן:
פּאַלאַצן בויט ער אין אַ פרעמדן געגנט.
אין אַ פרעמדן געגנט.
איי - לע - לו !

מיד, שווייגנדיק קומט דיין טאַטע מיט'ן זונפאַרגאַנג,
(ווען די נאַכט פאַלט צו, ווען דער הימל ברענט.)
שפּרייט ער אויס צו דיר זיינע שטייפע הענט,
און קושט דיך אין די הענטעלאַך,
דיינע הענטעלאַך...
איי - לע - לו !

און ברייננען דיר אַ מענטשעלע, אַ בלייכס אַ גומענעס,
וואָס מיט אַ דריי קען עס שפּרינגען, לויפן:
וועט עס אויסזען ווי דער טענדלער פון אָרימהויפן,
וואָס פלייצט טרויער אויף די שטיגן,
טרויער אויף די שטיגן...
איי - לע - לו !

און נאָכ'ן אָונטברויט וועט ער זינגען דיר אַ לידעלע,
און אַ מעשה'לע דערציילן מיט אַ שוואַרצן בער
וואָס שטייט אין מיטן וואַלד און לויערט אויף די וואַנדערער
וואָס גייען דורכ'ן וואַלד,—
דורכ'ן ווילדן וואַלד,
איי - לע - לו !

# פון מײַן װאַנדער

## פון טראָפּיש לאַנד

באַשערט געווען דער רייכער זאָל דאָ אונז אויך ניט מיידן,
(נישט אונזער בלויער הימל האָט אים צוגעצויגן...)
ביסלאַכווייז אַן אייגענער אונז ווערן,
און ברייט, ווי סיערא מאַדראַ זיך צעלייגן —
מאַגנאַטיש הנאה האָבן.
איצט רעווען שוין אין שטילסטן געגנט די פאַבריקן,
קינדער שרעקן זיך און וויינען;
דער רויטהאַרציקער זינגפויגל ווייכט שוין אונזער געגנט;
דאַמף און אַש-אוזאָרן דעקט די כריזאַנטעמען;
אונזער בלויער הימל וויקלט זיך אין רויך
און די זון, אונזער גאָלד-באַרימטע — ברענט, —
ווי קאַלך — טיף און טרוקן.

אָבער פרויען — געקליבענע פון אַלע קאָנטינענטן,
באַצוועקטע שיינהייטן, פאַר קונסט, פאָזע און פאַסאָן:
געשטרייפט אין קאַנגאַרו-פעל און אין געלן סאַטין —
רונדע ווי די זעברעס,
פאַרשאָטענען די גילדערנע נאָכמיטאָגס
מיט ציטעריקע קורצע רעגנבויגנס
אויף גרינפינקלנדיקע לאַנען
און קרעם-קאָלירטע פּאַליסאַדן.
מיט שיינעם גאַנג, שטיל — ווי די לבנה —
אויף טרעפּ פון בורשטינענע טעראַסן.

נאָר איך האָב דאָ געזען מעקסיקאַנער
מיט ברייטע הענט, שוואַרצהאָריק, ווי ביי אַפּן,
מיט ווייסע צענויפגעשטשעמעטע ציינער, —
האָבן שטיל געוויינט אויף אַלטע מאַנדאָלינען;
שילטנדיק (מיט שוויים פון עכטער פּראַצע)
די העק, וואָס האַקן און דערהאַקן ניט,
די רידלען, וואָס גראָבן און דערגראָבן ניט,
די ברייטצעשפּרייטע וואָרצלען פון די פּאַלמעס.
באַשטעלט פון בלייכע האַנדל-לייט — אַרויסצורייסן,
א ל ע ב ן  מ אַ כ ן ! . . .
ריינלאַנד, שיינלאַנד דאַרף מען האָבן
באַנקען און הערינג קראַמען בויען.

## עס רעגנט דאָ אַמאָל אין פעברואַר

עס רעגנט דאָ אַמאָל אין פעברואַר
שווער און אָן דונערן,
די נעכט ווערן שווער און לאַנג;
די נאָדל בוימער וויינען דורך די נעכט
שטיל און איינגעהאַלטן,
שטעכן שווערע טרערן אין דער ערד.
די גרינע זשאַבעס פרייען זיך דערפון
און שפרינגען — פינקלנדיקע שפרונגען —
ווי אַ שאָט פון גרינע, שערבלאַך פאָרצעליי.
צומאָרגנס, אַז עס לויכט אַרוים די זון,
איז עס ווי אַ שימערנדער גאָלד־שפריי
פון כריזאָליטענע פאָנטאַנען
אויף דער נישט דערקענטער ערד.
ווינטן, גרינגע, קומען, וועקן אויף די פאַלמעס,
די פאַלמבוימער הויבן אויף די קעפּ,
צעווינן זיך און שפרייטן אוים די הענט —
ווי אָקטאָפּוסן —
און זויגן דאָס ליכט פון דער זון.

## אויף די טראַקטן

אויף די טראַקטן פון מיין וואַנדער
האָב איך די דאָרפסלייט פון די בערג געזען:
פלינקע ווי די אַנטילאָפּן,
מיט גאַרטלען אויף די גרויע פלאַקסענע העמדער,
באַשטויבט מיט ברוינקייט פון דער ערד.
זיי האָבן זיך געגריסט מיט דרייסטקייט און געלעכטער,
טיפּברוסטיק — ווי פון גראָבע אָרגל־רערן.
אין זייערע אויגן האָט דאָס קלאָרע קופּערליכט געלויכטן,
און יאַסמין האָט געשמעקט פון זייער לייב.

די זון האָט קאַרמאַזין רויט דעם מערב זייט געצונדן:
עס האָט אַ הייליקייט די ערד אַרומגענומען;
דער אוּנטגלאַק האָט איינמאָל אויסגעקלונגען:
ק נ י א ו נ ג — עס איז אַ תפלה צייט.
רו פאַר פי און מענטש, פאַר סערף און אַקעראייזן...
די ווייבער האָבן פייערן צעלייגט,
פון ליימענע טעפּ האָט מען וואַרים שפּייז געגעסן.
אייגן הייליק אוּנטברויט — ווי אין עוואַנגעל.
מ׳האָט זיך צעלייגט אויף דער באַגראָזטער ערד
זאַט, צופרידן און געזונט,
און שיין — ווי די הירשן — מיט גרינגן אָטעם.

נאָר אונטן, אין דעם טאָל,
האָט די אויפגעטאָגטע פלאַקער־נאַכט פון שטאָט
ווי בליצן אויפן דעמער ים אַ שניט געטאָן
די רו פון לעמער און פון קינדער אויפן באַרג,
די קלעפּ פון גרילצנדיקן אָר
האָבן זיך ווי זאַלפן שראָט
צעשאָטן אין דעם שטילן חלל פון דער נאַכט.

דער שוואַרצער וואַלד ביים ראַנד פון דאָרף
האָט זיך צעוויגט
מיט רויש פון דעמבעס און טאָפּאָלן;
מיט צאָרן אויף די בלייכע שטאָטישע מצורעים:
ניט שטער!
און האָט אָפּגעקרעכצט זיין צער
אין זיין געוואַלטיקן שטאָם אַריין:
זיי גייען,—
זיי מוזן קומען...

## דאָס ליד פון פעלד

ווי שפּיגל־ראַנדן פינקלען קעגן זון די פּעכטנדיקע סערפּן
אין ברוינע הענט פון מוסקולירטע שניטער.
פון יעדן פעכט גייט אויף אַ זייל פון אַראָמאַטן
פון רייפן, אויפגעשמעקטן קאָרן.
זאַנגען פאַלן, ווייכע פאַלן, פאַלדן זיך אין קרייזן,
ברוינע שיכטן בראָקן זיך — בראָקן זיך און שטייגן,
הויערן מיט גאָלד־שטויב אַרום קני פון שניטער.

ווייסע קוקורוזן סטאַרטשען אין די אַטלעסענע רייען,
רייסן פון זיך ציענדיקע ווייסע קנופּן זייד;
ווינקען דין מיט יאָדערדיקע פּערל־שפּיצן —
יונג און פּיפּיק קוקן זיי דאָס לעבן אָן.

רויטע מאָן־קעפּ וויגן זיך מיט קראַנצן אויף די שטאַנגען —
רויט־באַקרוינטע קאַנדעליאַבּרעס צינדן בונטע פלעקן —
אין דעם לויטערדיקן חלל פון די הייסע פעלדער
הויכן אוים די לעכצונג פון די שטאַמען פאַר די וועלטן:
רעגן, פאַל אויף אונז,
פאַל אויף אונזערע ברייטע, קיילאַכדיקע קעפּ!
האָגל, פאַל אויף אונז,
פאַל אויף אונז מיט שטעכעדיקן שמעטער!

שימערנדיקע קופּער־קוילן — גלימערן קירבעס אין די בייטן.
לאַנגע שרונטן ווייסע שווערע קרויטן
וואַלגערן זיך, רייסן זיך מיט איזאָלירטע לאַסטן:
מיר זיינען רייף —
רייף ביז גרונטיקייט און בלוטונג.

שוואַרצע וואונדן ליגן אין די גראָבנס —
שפּעטע, ברודיקע קאַרטאָפלעס —
פאַרשטומט אין זיסער קריינק פון איבער־רייפקייט.
אין די גרונטן פוילן שוין די ווייסע דינע וואָרצלען,
פלעכטן זיך און קניפּן זיך פאַנאַנדער.

זיסער זומער־זאַפט שפּאַרט פון פולע קוואַלן.
פלאַצט די ערד—
די פעטע, שוואַרצע ערד.

# אין טאָל

דיווילדע רויזן פלאַקערן ווי פייערן.
די שטאַמען זיצן טיף אין ברוינער ערד,
ברייט צעשפּרייט אין ברוינער ערד;
די צווייגן זיינען האַרט און שטעכיק
און וויקלען זיך אין גרינע שנורן צווייט.

די ווילדע רויזן פלאַקערן ווי פייערן.
ווילד פון שימערענדן מאָרגן־טוי
און איבערפליסנדיקע שטראָמען פון דער זון.
ווי יונגע, רייפע פרויען —
ווילד ,פון מענלאַכער פאַרערונג און ליבעס־זעט.

און אַז עס קומט די נאַכט —
שיסן זיי פון טיפן האַרץ אַרויס
אַ בלוטיק ווילדן אַראָמאַט,
צעטראָגען עס די לעכצנדיקע שטרייפנדע מאָטילן,
טריפט זעט און עראָס פון די פליגלען.

קומען אָן די בינען פון די רויטע בערג
מיט רויטע, אָנגעפילטע לייבער,
מיט אויסגעשפּיצטע קלויען,
און וואַרפן זיך מיט אימפּעט אויף די קוסטן;
די בינען שטאַרבן דאָרט אין ליבעס־קלעם —
פאַרצערט פון איבערזעטונג.

די וואַסער־ליליען שטייען שטיל.
פאַרשעמטע —
אין ווייסן שיין פון דער לבנה.

## אין דער פּריירי

דער טאָג פֿאַרגייט
און טונקלט גראָע פּלעקן אויף די פּריירים.
די שלאַנקע אויפֿגעשטעלטע סנאָפּעס,
געאָרמטע, ווי אייגענע אין שרעק —
טונקען זיך אין קופּער־בראָנזענע קאָלירן,
קוקן אויף דער רויטער פֿלאַקערנדיקער זון
וואָס שווימט אַוועק פֿון זיי.
רויטע שטראָמענדיקע טייכן
ברעכן זיך אויף פֿייערדיקע טרעפּ,
פּיאָלעט־פֿייערדיקע זיילן
צעשטעלן זיך אויף סטאַרטשענדיקע בערג.
דער ברייטער אָוונט־טרויער רינט פֿון מערבֿ־זייט
און העפֿט זיך מיט דער שטומער ערד.
די זאַטע פּי ליגן אויף דער ערד
מיט רינענדיקע ווייסע פּאַסן פֿון די מיילער,
פֿון שוואַרצן וואַלד גייט־אויף דאָס ליד פֿון רו.
מאַטילן שטרייפֿן און שטעלן זיך מיט אויפֿגעשטעלטע פֿליגלען,
דרעמלען איין אויף גראָז און בלאַט.
און דאָס עקזאָטיש־ווייסע ליכט פֿון דער לבֿנה
צעגיסט זיך אויף דער גאַנצער וועלט.

# דער בופלאָקס

שטאָלץ און גראַציעז הויבט ער זיינע פיס.
טראָט נאָך טראָט, טראָט נאָך טראָט,
צום שימערנדן וואַסערקוואַל.
ביז ער גרייכט דעם געלן ברעג,
זינקן זיינע פאָדערפיס אין ווייכער ערד אריין,
און שלונג נאָך שלונג, שלונג נאָך שלונג,
וואָס פליסט אין קעל,
צינט זיין אויג מיט שוואַרצן פייער אָן.
און ווען ער קערט דעם קאָפּ אוועק,
טריפט קרישטאָל פון באָרד אראָפּ.

שטאָלץ און גראַציעז בויגט ער זיינע קני
און ציט צוריק צום טרעפּלדיקן מאַרמאָר־באַרג:
דאָרטן וואַרט זיין ווייב און קינד.
לאַנג און ברייט, מאַסיוו און שטיל
שלייכט זיך נאָך זיין שאָטן הינטער אים.
די איינגעשרומפּטע שלאַנגען־קעפּ,
דערשראָקענע אין פייכטער הייל
קוקן שטאַר —
צי גייט עס ניט אַ באַרג אויף באַרג?
און שיפּן אויף דערפרייטע,
ווען ווייט איז שוין זיין ריזן־טראָט.

ווי עס שטייגט אַ הערשאַפט פון אַ גאָט אין רוים —
טראָט נאָך טראָט, טראָט נאָך טראָט —
איז ער אַרויף
ווי אַ שוואַרצע זון ביים ראַנד פון באַרג
און שטייט און קוקט אין טאָל אראָפּ.
זיין גריווע־שפּיץ טוט אַ צוק,
זיין ריזן־גוף רעוועט אויף
אַ גבורה־ליד —
פאַר זאַטקייט און צופרידנקייט.

# בינשטאָק

גאָלד־געל, פינקלדיקע גליאונג
אין מינאַטורנע קובן געלן וואַקס,
אויף זיסע, ווייך־טריפנדיקע פּלאַטן,—
שיכטן, צעשניטן אין קוואַדראַטן
ליגן קעגן זון.
און איבער זיי —
ווי קופּעס שטיקלאַך פּערלמוטער
שימערט מינערירט
די קעניגרייך פון בינען:
זיג־זאַג, זיג־זאַג,
מיט שיינקייט פון אילוזיע,
מיט אויסגעשפּיצטע קלעפּעדיקע קלויען
און מיט מיזערע פון שטעכעדיקן טויט.

## דער פֿאָנטאַן פֿון צײַט*)

פֿון דעם ערשטן, לאַנג פֿאַרגעסענעם
ביז דעם לעצטן ערשט דערמאָנטן —
האָב איך דעם שטח און דויערונג געמאָסטן,—
האָבן נעפּלען מײַנע אויגן ניט פֿאַרטונקלט
און קײנער מײַן דימענזיע נישט פֿאַרענדערט;
נאָך אין דער עמבריא האָב איך אײַך געזען
ביז דעם נײַסטן, טויזנטפֿאַכסטן פֿאָרם —
אין שאָטן און אין שימער — זײַט איר רײענװײַז
דורך מײַנע לאַבירינטן דורכגעגאַנגען,
און יעדערן באַזונדער געציילט אײַך און באַהאַלטן
װי אַ מאַמע — צו קבורה אירע קינדער.

אַ פֿאַרשאָלטענער בין איך, און שטומער װי מײַן טרויער —
און װעל אַזוי פֿון אולטראַ-טאָג ביז אײביקייט פֿאַרבלײַבן,
אײַער אײביקע, און ענדלאָזע פּראָצעסיע צו באַגלײטן
צו װײסע און לויטעריקע טויערן פֿון רו...
און אלײן, אַ לעכצנדער נאָך דעם — נישט קומענדיק דערצו צוריק —
היטן אײַך איר זאָלט קײן אַנדער אויסװעג ניט געפֿינען,
איר זאָלט קײן איבעריגן טראָט נישט טאָרן מאַכן,
און איך אַלײן זאָל זײַן דער פֿירער און באַפֿעלער,
און ביז דעם לעצטן דור — דער בויער און צעשטערער,—
צום אויפֿגײן און פֿאַרגײן, ביים שטײגן און ביים פֿאַלן.

---

*) The Fountain of Time
סטאַטוע פֿון לאָרײדאַ טעפֿט, אין װאַשינגטאָן פּאַרק, שיקאַגאָ.

# שיקאגער שעכטהויז

צו דער האַרץ פון דער וועלט,
וואו עס ציטערט דאָס שטילע ליכט פון גאָט —
גייט אויף דער גרויל פון שאָפּענעם גיהנום.
אַ ניט דערשאָכטענער מאַמאַט שטייט אין מיטן שטאָט
און פון זיין קעל — בלוטנדיקע כאָראַלן
פון קו, שטיר און שוויין,
שרייען דורך פייער און וואַן:
דאַנטעס „אינפערנאָ" איז ליגן.

אויף דאַנטעס קאָפּ וועט דער לאָרבערקראַנץ ניט וועלקן.
(עס האָבן פּאָליגלאָטישע אַפּאָסטאָלן
ביז ווערטער מאַנגל — יעדע בלעטעלע געבענטשט —
עס זאָל אייביק בליען)
נאָר די ציטערריקע קלויען פון די צאַרטע לעמער
אין קלעם פון מאָלאָטישן האָמונקולוס —
וועלן פון דאַנטעס קאָפּ דעם קראַנץ אַרונטערייסן.

## צום בראָך פון אַ וואַלדבוים

דימענט פון שטערן, פאַרנאַכטיקע וואָלקן־אוזאָרן —
געווען אויף דיין קאָפּ ווי אַ קרוין אויף אַ טונקעלער בוגרת.
יעדן טאָג, יעדע נאַכט אין משך פון יאָרן,
איז גלאָריע פון רוימען און ערד געווען אייגנס.

איז גוט געווען שלינגען דעם גראָבן, דעם קלינגנדן רעגן,
זיין פאַל אויף בלאַט, זיין קלאַפּ אויף ווילדוואוקס פון קאָרע;
איז גוט געווען הערן דעם וואַלדווינדס אַ הימן צום פרילינג,
ווען פויגל און טויב האָבן פלאַקס צו די נעסטן געטראָגן.

איצט היינגט די לבנה אין מיטן צעריסענעם הימל
ווי אַ צינענער סערפּ — שטעכט דיין צועגבערטן וואָרצל,
ווי פלאַקער אויף פריירים שטייגט פיין פון דיין מאַכטיקן באָדן
און שמייסט ווי אַ רוט אויפן פנים פון גאָט דיין באַשעפער.

אויף שפּיצן און בראָכן זאָל רוען אַ האַרץ אַ צוריסנס.
איך און די נאַכט וועלן שטיל זיין ווי טרערן.

# אויפן אײגענעם שװעל

## צו אַן אַלטן דיכטער

גרויער האָר מיינער און אייגענער,
איך האָב אַמאָל געהערט דעם שטורם־פויגל שרייען פון דיין האַרץ,
און ווי בוימל און פלאַקער אויף אַ דאָרן
האָבן די פערזן דיינע ווייט געגרייכט.
די נימפן האָבן דיין קול געהערט,
דאָס פאָלק האָט דיין וואָרט פאַרנומען.
צום ריטם פון דיין ליכטיק ליד האָט אַ יונגע וועלט געטאַנצט.
עס איז געווען אַ צייט ווען גאָט איז ווייט
און נאָענט די פרוי און די לבנה.
איצט שלאָגט מיין האַרץ פאַר דיר מיט אכפערונג און לייד,
ווייל שווער, ווי שטויב אויף מומיעס אין מוזיי,
פאַלן דיינע שטילע גליווערנדע רייד.
נאָר ליב איז מיר דער קאַלטער דרוק פון דיין געמיט,
און שווייגן, שווייגן ווילט זיך מיר אין דיינע דלד אמות,
ווי אין הייל אַן איינזאַמער הערמיט.

גרויער האָר מיינער און אייגענער,
לאַנגע, ליידיקע טעג קומען אָן,
זיי שאַרן זיך לאַנגזאַם און אומעטיק,
פאַרבליקט ווי קראַנקע חכמים.
זיי שאַרן זיך און זאָגן גאָרנישט ניט,
באַלד גרייכן זיי דיין נשמה,
וועסט ווערן קאַלט און וואָר.

# לענדער, מענטשען און לעמער

.1

לענדער, מענטשן און לעמער,
וואַקל פון גרויסע און קליינע;
גאַלן ביים שמייכל פון קרעמער,
שטיל זיין ביים טרער פון אַ זונה.

אַ טיש, אַ העפט און אַ פעדער,
אַ לאַנגזאַמער קריץ און אַ ציטער,
(פּעגאַז קומט אויף גומענע רעדער),—
שמייכלסט דערביי אַ געניטער.

וואָס נאָך איז געבליבן אין לעבן,
אַט דאָ, אויפן דנאָ דעם האַרטן?—
היטן דעם שיין דעם געגאַרטן.
קוקן אין הימל דעם בלויען
און קינדער אַ קאַרטן-שטוב בויען.

## .2

אַזוי איז געווען און וועט בלייבן:
חלום וועט שטענדיק צערינען, —
אַ יונג מיט אַ היציקן זינען
וועט אים באַמאָלן, באַשרייבן.

מיט ווערטער וואָס לעבן אויף זעלטן,
מיט פאַרב פון די העלסטע קאָלירן,
לאָזן אַ בלינדער זיך פירן,
און בענטשן וואָס אַנדערע שעלטן.

דערנאָך מיט געפיל פון אַ זאַטן
וועט אומגיין מיט טרערן און טשעלאָ —
אַ גרויער און יונגער אָטהעלאָ
און שפּרייטן דעם סם פון סאָקראַטן.

## .3

ווער קען ווי דו נאָך דערפילן
דעם סם פון פאַר'חלום'טע ווערטער;
אַרומגיין אַ שטילער, פאַרקלערטער,
און קיינמאָל די פיינען ניט שטילן,

ביז וואַנען דער סם וועט שוין טריפן
אַריבער די ראַנדן פון זינען;
און טרייסטונג — ווען יאָ שוין געפינען —
שימער פון זינקנדע שיפן...

# פּאָעטן

פֿאַרהוילטע זיינען מיר אַלע,
אין נעפּל פֿון טרויער און רייד:
טוט אַ פֿריידיק וואָרט אויף אונז פֿאַלן,
קלעקט קוים פֿאַר איינעם די פֿרייד.

ווי גנאָמען אין טונקעלע צעלן,
צוזעצט, זאַלבעדריט זאַלבעפֿערט;
פֿאַרגלידערט, פֿאַרוויגט אין אַ העלן
פֿאַר'חלום'טן סוד אויף דער ערד.

אַמאָל, ווי פֿאַרליבטע אַקטיאָרן,
וואָס שפּילן דעם היפּער־עסטעט,
און ווערן פֿון שאַרפֿזין און יאָרן,
אַזוי ווי אַ קילער סטילעט.

און אַמאָל ווי באַליידיקטע פֿרויען,
וואָס שמייכלען מיט טויטלאַכן פֿעסט;
דו וואָלסט זיי אַ וואָרט נישט געטרויען,
און ליבסט זייער דיכטערשן זשעסט.

# צו אַ דיכטער

פוסטע פעסער אין אַן אָרים שיינק
וואו דער ריח פון בראָנפן האָט שוין אויסגעוועפט —
זיינען די בלעטער פון דיין בוך.—
ווייַן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געיערט.
אומזיסט האָב איך די קנאה רייף געמאַכט;
אין פאַרהוילענער הכנעה מיין שטאָלץ צום בראָך געעגרייט.
אומזיסט האָבן די הענט מיינע ציטעריק געגלעט
די אַראַבעסקן אויפן טאָוול — דיין מתנה.
דיין בוך האָט מיך פאַרשעמט.
דיין נאָמען האָב איך הויך געלעסטערט.

איצט קומען טעג מיט פלאַמענדיקע זיגן...
באַגלייט מיט בטול און ווידערווילן,—
ווי וועל איך דיך באַגעגענען, פערזן-צערטלער,
צי וועט דער צער פון דיינע בלינדע אָדלער אויגן
מיך קענען איבערבעטן.
ווי וועלן מיר איצט וואַרימען און נערן
דעם טאַבו פון בייסנדיקן ליגן...

## פרויען

פרויען, ווארימע און רייפע,
באלאדענע מיט שיינקייט און לאסטן פון דער ליבע;
פול ווי מילגרוימען אין פרישן גאלד פון זומער.
איך האב אייך געזען אין ליכטיקע געפארן,
עס האט יעדער גליד גערעגט מיט עקזאטישע באגערן,
מיט די אויגן געמאלן טרוימען און געבעטן
פאר זיך און פאר האפערדיקע נארן,—
געהיים געפארט זיך מיט ארימע פאעטן
אין פארנעפלטע אלייען פון בולווארן —
האט איר לײדנשאפטלאך פיל און פרום גערעט
מיט זשעסט און מעטאפארן,
און פאר באמאנונג איז דאס הארץ צעזעצט געווארן.
א פרויען! אלע לאסטן זיינען שווערע
נאר דער טרויער איז שווערער פון דער ליבע.
מיט וויפל האניק, פראכטן און פאנפארן
גייט אויף פאר אייך צום ערשטן מאל...
דאס פארביק ליד פון פרעכן לעסטערער,
דערנאך, און שפעט — גאטס טרייסטפולער רחמנות
צום שוץ פאר ווייטערן נסיון —
ביז די פאות גראען
און לעצטן פלייט-פייף פון הארבסט.

# יאָרן

(צו. . .)

גוט געווען מיט בוגרת׳דיקע יאָרן זיך צו פליסן,
הערן ווי די ליבע טוט אויף מאַנדאָלינען ריידן;
בשתיקה גאָט, און לייט — רויטע שטיקער רייסן
פון דיין צוואַנציק יאָריקן גן־עדן.

דאָס טעלערל פון הימל — נישט קיין סך געוואָלט —
אַ פאַרמעטערלינקטער פּאַזש זאָל עס דיר אונטערטראָגן,
און דוקא מיט פאַר׳חלום׳טע אוזאָרן אויסגעמאָלט,
און נישט באַדאַרפט אַ דאַנק אפילו זאָגן...

געווען איז אויך אַזאַ, וואָס האָט געוואָלט דיר ווייזן,
דעם קירצסטן טרערן־וועג, וואָס פירט פון חלום צום רעאַלן,
נאָר דאַן זיינען ווי שטרוי אַרום צעגליטן אייזן, —
דאַן זשוואַנען טוצענווייז דיר צו די פיס געפאַלן.

און איצט, מיין גאָט, ווי שנעל די טרוימען זינקען.
פאָ׳ם ראָב הער איך ביי דיר אין האַרצן שרייען;
קאָמפּלעקס פון עבר טוט נאָך קינדיש ווינקען,
און — נישטאָ מיט וואָס אפילו אַ זעמעלע צו קייען.

## מיר זיינען

מיר זיינען ווי די ווילדע פייגל אין די ברייטע רוימען,
די עטהער־רינגען ציטערן פון אונזערע געשרייען;
דער גרויער צפון־ווינט קומט פון שטריינגע וועלטן, ווארנענדיק
און לאַכט פון אונז, פון יעדן קרויזנדיקן פעדערפאַל.

מיר זיינען ווי די אימפעטיקע וואַסערן, וואָס שטראָמען נאָך די ים'ען —
ווי הרודעס לויפנדיקע שאָף־קעפּ, באַגלימערט פון דער זון,
די אינזלען שטומען אַרום אונז אייביק קלוג און לויערנד,
ווען אונז צעשמעטערן די איזאָלירטע בונטע פלעזן־קעפּ.

מיר זיינען ווי די רייפע אַגרעסן, פול מיט זים און זויערונג,
דין איז אונזער הויט, און אונזער שטאַם איז נידעריק;
די הונגעריקע אַפן דערזען אונז די ערשטע,
און פרעסן אונז מיט אויפגעפלאַמטע אויגן.

## דער שווינדזיכטיקער

איך זע אים דאָ דעם ווייסן, טרוימענדיקן גלויבער
מיט פֿיין אין אויג און איינגעבויגטן נאַקן;
ווי היאַצינטן פֿלאַמען אויף די גרין־באַקאַרבטע באַקן,—
די זאַפֿרען־געלע הענט — ווי שווערדן היינגען, צעבראָכענע ביים רויבער...

זיין גאָט איז טויט, — אַליין אַ גאָט געוואָרן...
אין קראַנקע רעגן־נעכט דערהויבט ער זיך מיט גבורה פֿון געזונטן...
גייט אויף דער טרייסט, דער אייביקער, פֿון שוואַרצע אויפֿגעפּראַלטע גרונטן —
מיט ליכטיקייט — ווי זונען אונטער בלויע אַבאַזשורן...

## גוף און נשמה

געשמיט האָט וועד די פּיס אונז צו דער ערד,
וואַלגערט זיך אין שטויב אונזער גוף;
צאַפּלט זיך ווי א טויב די נשמה,
רייסט זיך צו די הימלען אַרויף.

האַרט איז דער באָדן פון דער ערד,
און הימל הויך דער וואוין־אָרט פון געטער,
אייביק וועט זיך מישן ערד מיט ערד,
און אייביק די נשמה — מיט עטהער.

ציט זיך זעל אַרויף, און גוף אַרונטער,
טוען זיי אומזיסט זיךביידע מיען:—
אַרונטער קען דער קערפּער ניט דערזינקען,
אַרויף קען די נשמה ניט דערפליען...

# זעגענונג

אהער דיין האנט:—
און קלאפ צום טאקט פון מיין טריפנדיקן צער,
וואס וויגט מיר איצט, ווי סינדארעלן — דאס ליד פון נאר
נאר עכט און שטארק, ווי דער פליענדיקער אלבאטראס,
וואס טונקט זיין הייסן קאפ אין זידנדיקן שוים פון ים
און גרוילט אין רוים זיין פרעכע ליד פון אייגן שטאם
אנטקעגן גאט, אנטקעגן ווינט, אין קאלטן שיין פון טאג —
אט אזוי זאל זיין די האפנונג אויף ווידערזען.
ביים קריגל וויין און רויש פון ווייבלאך זיסלאכער נעגליזשע;
וועלטס היפנאז וואס ציט צום לאקערנדן גארנישט,
אדער ביי דעם קנאק פון מבינ׳ס לויב וואס שפיצט זיך צום אלימפ,—
אלצאיינס, מיין ליבער,
פאר מיר, פאר דיר, פאר נישט-דערעטע-רייד-באנעמער.
ווי גוט עס איז אזוינע לייט אין שעה פון דער צעשיידונג
ווען דינע ביינקשאפט חלפ׳ט זיך אין בלוטיק הארץ אריין
און צעגיסט זיך מיט פלייט און טרער און שווארצן דימענטשיין.

נאך היינט, ווען זון וועט קופערן אויף די בערג פון אריזאנא,
וועל איך, אין באן, אן אומעטיקער, מאלן דיין געשטאלט:
דו,— א קניענדיקער פאר א נישטדאאיקער מאדאנא,
א וויינקעלער, א פערז א גאליקן פון באדלער.
דערוויל, מיין ליבער, אויב דו זעסט שוין שימערן אין מיין אויג א טרער
און דער אפשייד ווערט אי קינדעריש אי שווער,
און ס׳ווילט זיך, ווי א נאריש ווייב, פארגיין אין שלוכצנדן געוויין —
איז נאך אמאל: אהער דיין האנט! דו וועסט פארשטיין...
און מיט׳ן פייף און רויך פון באן זאל אלץ פארגיין.

## זאָל דוכטן

זאָל דוכטן אַלע מאָל ביזטו געווען גערעכט,
אַז סיי ווי סיי האָב איך נאָר מיטן ווינט געפעכט;
געשוויגן ווען איך האָב באַדאַרפט גאָר שרייען, שלאָגן —
אַנשטאָט מיט פויסט און אייזן פלעג איך "שפּרוכן" זאָגן.

איצטער ווּעסטו גלויבן, איצטער ווייסטו בעסער,
אַז קליינע וואונדן היילט מען, גרויסע — ווערן גרעסער,
ווּעסטו זיך דערמאָנען, ווּעסטו זיך פאַרטראַכטן, —
נישט באַדאַרפט אים לאָזן שטיין אַן אויסגעלאַכטן.

אין מינוטן שווערע קום מיר גאָרנישט זאָגן —
שווער איז דאַן דעם אייגן אָטעם צו פאַרטראָגן:
אַ האַרץ איז ניט פון אייזן דאַרף מען קוקן, שווייגן, —
שטיל, און ביז דערלייזונג קען דער טרויער שטייגן.

זעץ זיך ווי אַ חבר, קוק אויף מיר פון ווייטן,
ביז מיין דינער טרויער וועט אַליין זיך בייטן,
— וועט ער זיך ניט בייטן, גיי — און לאָז מיך איבער,
דעם, וואָס איז געפאַנגען, איז אַליין זיין ליבער.

## נו איז וואָס?

נו איז וואָס אַז דו האָסט שוין אַלץ חרוב געמאַכט
און שמייכלסט אַראָפּ אויף דעם אַש פון דיין גוטס,
אַז אָט טוסטו ווידער די טאָרבע זיך אָן,
און ווילסט שוין זיין ווידער דעם צווייטן צו נוץ.

נו איז וואָס אַז דו איינזאַמסט אַוועק דיינע נעכט,
און מאַכסט זיך פון טרערן דאָס קישעלע נאָס;
אַז צו־מאָרגן דערזעסטו די ליכטיקע וועלט,
איז ווידער שוין ליב דיר דער שטיין אויפ'ן גאַס.

נו איז וואָס אַז דו האָסט שוין אַ פּעטליע געמאַכט,
און שלאָפסט מיט אַ פלעשעלע סם ביי דער זייט;
צו וואָס זיך דאָס נאַרן, אַ זיפץ — און געגנוג,
און דער וואָס דאַרף הערן דערהערט שוין פון ווייט...

# אַ טאָסט צו די אינוואַלידן

צו אייך נאָרן און שוואַכע הויב איך אויף מיין כוס,
אייער געל גליענדיקער פּיין גייט אויף אין מיינע אויגן
ווי רויך פון גראָז וואָס שטייגט אויף שוואַרצע פּריירים
אַנטקעגן דער אויפגעשטראַלטער תמוז-זון.

עס איז דאָ אַ צייט אַזאַ וואָס דערנענט מיך צו אייך,
און ליב ווערט איר מיר
ווי דער פלייצנדיקער צער פון אַטלעטן אויף די אַרענעס;
הייליק ווערט איר מיר ווי דער געזאַנג פון דעסדעמאָנאַ
ביים אַלטאַר פון דער פאַרהוילענער מאַדאָנע,
און וויסן זאָלט איר — זאָג איך אייך —
ווער עס איז פאַר'משפּט צום נעץ פון נסיון,
דער שטרויכלט און פאַרלירט,
און דער וואָס האָט שוין אַלץ פאַרלוירן איז מיין גלייכן.
אויב איר טראָגט די קרוין פון עמפּירישע קלאָונען,—
זייט איר די ערשטע צום דורכפאַל און עכטן יאָמער.
נאָר איצט, מיינע הערן, זאָל אַלץ פאַרגעסן ווערן,

אַך! — נישטאָ קיין קלאָרערעס ווי אונזער חלומ'לאָזע וואָרהייט.
באַלד וועט אויפגיין די לבנה,
ווי אַ מאַמע מיט קאַלטע ווייכע הענט,
וועט אונז אַרומנעמען די מעלאַנכאָליע.

## צו אַ גאַסן־פּרוי

גאָט וויל ניט זען דיך אַ ווייַנענדיקע —
רחמנות איז אויסער זיין געזעץ,
און נישט לאַכנדיק —
צום משפּט קומט מען ניט מיט פרייד.
נאָר אין נעכטן, שווערע, פון לאַנגווייל און רעגן,
נאָך אָרגיעס פון זעלנערישערן יובל,
ווען נאַרקאָטיק האָט שוין אויך קיין שליטה ניט,
איז אויפן וויסטן ברוק
דער קלאַפּ פון דיין קנאַפּל שוין גענוג.
גאָט דערמאָנט זיך אויף זיין אוצר
וואָס משכּנ׳ט זיך אין דיר;
דאָס בלוט פון דיין עקסטראַוואַגאַנטנער לייב
געמישט מיט זעט און מאַגיק פון זשעני
שרייט פון דיין אַדעקוואַטן פּיין
און גאָט׳ס גנאָד קומט שטיל ווי טויבן.
נאָר זיין השגחה מיידט שוין דעמאָלט קיינעם ניט,
זיין שטרייגנער בליק חלפ׳ט אלע אונטערגרונטן; —
פון דעם שוואַרצבאַפּראַקטן טיפּוש אין געבעט־הויז
ביז דעם בריטפּלייציקן הדיוט,
וואָס שמייכלט צו דיר פעט און שאָפּיק.

## צו דעם וואָס חלום'ט זיין לעבן אַוועק

עס איז ניט צו חלום'ען געגעבן דיר דאָס לעבן אויף דער וועלט,
און ניט אויף זוכן פעלערן אויף גאָט, אין ביבליאָטעק;
קען זיין, ס'איז אמת אַז די זון האָט אויך אַ פלעק,
נאָר נישט פאַר דיר האָט וועגן אַ שטראַל פון איר געפעלט.

דער הימל איז נאָך קיינמאָל נישט געהאַנגען אויף קיין שטריק,
די אַלטע ערד באַדאַרף נאָך ניט קיין ביינקעלע פאַר רו;
עס איז דאָך נאָר אַ גולם, אָט אַזאַ, ווי דו,
וואָס מיינט די וועלט קען אונטערגיין פון קאַץ און מויזן-קריג.

דער בראָנזגעשטרייפטער שמעטערלינג וואָס פלאַטערט אויפן רוים
זעט נאָך אפשר מער פון דיר אָןברילן אויפן נאָז;—
און דער וואָס שפייזט דעם בופלאָקס מיט וואלדיק-זאפטן גראָז
שיצט דאָך קעגען שפּאַרבער אויך דעם וואָרים אויפן בוים.

ס'איז רעכט אַמאָל אַ פייף צו טאָן אויף ווערק פון פילאָזאָף,
און אויף דער מעלאַנכאָליע-ליד פון איינזאַמן פּאָעט,
און אויף דעם צאַרטן נאַר ביים טיש פון קאַבאַרעט
וואָס זינגט פאַר נויט אַווע מאַרי צו זיך אליין פון שלאָף...

העי! ס'איז ניט צו חלום'ען געגעבן דיר דאָס לעבן אויף דער וועלט,
פאַר יעדן אבר פון דיין גוף איז דאָ אַ טעטיקייט פאַראַן,
אַזאַ וואָס שרייט און רופט צו דיר ווי גלעקער פון אַ באַן,
און ווייס: יעדער טאָג פאַרגייט. יעדע רגע פעלט...

## פּראָווינציאַלן

איך זאָג צו מײַן אַלטינקער אַזוי:
זאָלסט קיין שלעכטס ניט ריידן ווי דו האָסט געדעט,
און איך וועל מער ניט טאַדלען און ניט לויבן
די אַפּטע געסט, וואָס קומען פון די גרויסע שטעט —
ווי העלדן פון אַלטע שונד־ראָמאַנען
און צעלייגן זיך ווי שווערע רויכטומאַנען
אויף אונז און אונזער אָרים שטוב.

וואָר, זיי זיינען העפלאַכע און דאַנקען אונז פאַר אַלץ;
נויגן זיך ביי יעדן וואָרט ווי אין אַ מערי־ווידאָוואַלץ
און פרעסן אויף דערוויילע דעם לעצטן פענעץ ברויט,
וואָס מיר האָבן, ווײַס דאָך גאָט, ניט פאַר זיי געגרייט.
און אַז זיי פאָרן אָפּ — וואָס בלייבט פון זיי?—
אַ פּוסטע קיך, פאַרפלעקטע בעט און שפּרינגנדיקע פליי
און דו ביזט אַלט, שוואַך — קענסט דען וואַשן?

איז אָפּגעמאַכט: יעדן אָוונט וועלן מיר פרי גיין שלאָפן,
אויפן טיש וועל איך אַ שאַכטעלע מייז־סם לאָזן אָפן,
געזונטערהייט — אויב זיי ווילן עסן,
און מעלדן דעם שטאָט באַאַמטן, מר. אַמונדעסן
(וואָס היט גערעכטיקייט און קעשענע גנבים)
זאָל ער עפּעס טאָן מיט זיי.
נאָר איך וועל זיי ניט טאַדלען און ניט לויבן
וואָרים זיי קענען נאָך (אַ וויסטער יאָר אויף זיי)
שמייכלענדיק אונז ביזן העמד באַרויבן.

## צו פּרינצעסין עקס...

הינטער דיר, דער שטורם־מאַכער וואַרנט אין טראָמפּייט,
הינטער מיר, דער סעמי־חם פּאָזירט ווי אַ מענטאָר;
דער שטורם קומט נאָך ניט, די מעגלאַמאַניע גייט
און ביז דול צו ווערן פֿון דעם מאַלפּע־כאָר.

דיין לעצטער שומר שטייט געפּלעפּט ביים ציטער פֿון דיין ברעם,
וואָס קומט פֿון שרעק, ווי דער וואָס זעט זיך אין אַ שוויין־געמעל;
אַט רייסט מען שוין דיין שלעפּ אַראָפּ און אויך דיין דיאַדעם,
(כאָטש גיי פּאַרדינג זיך אין אַ קלאַסישן באָרדעל).

עס זעט דיך קיינער קלאָר אזוי, ווי איך זע דיך און הער,
פֿון פאלדיקן מוזעאום־שטויב אויף בראָנז און פּאָרצעלאַן
גייט אויף צו מיר דיין פּיינגעוויין ווי דורך אַן אָרגל־רער,
ווי טיף אָבער דיין בראָך דערפרייט דעם בלוטיקן פּראָפּאַן.

זאָל דיר דערפּאַר נאָך ליבער זיין מיין וואַרהאַפטיקער טרייסט,
וואָס צאַפּלט ווי אַ שמעטערלינג אויף אָונטס שווינדל־ווענט.
מאַסקיר, ווי איך, די "ראָלניק־נעכט" און זאָג: ניט אויסגעלייזט
זאָל ווערן דער וואָס הערט ניט דעם נאַכטיגאַלס לאַמענט.

## פּייזאַזש

דער טאָל איז ברייט, רונד און איינגעלוליעט,
און אין דערמיט — ווייסער פּאָליטור פון טייך —
גלימערט אנטקעגן דער לבנה.
ווייסע שוואַנען שימערן מיט ציטערדיקע שאָטנ׳ס
און קלימפּערן מיט פּערל אויפן וואַסער.
ווינטן שלעפּן שטיקער דופט פון שמעקנדן אַאיר,
טאַנצן, קייקלען קלעמען זיך אין תאוה.
אַן אויסגעבויגטער בוים קוקט אריין אין וואסער:
„מיינע שיינע צווייגן"
אַ פייגעלע איז האַסטיק אנגעפלויגן
און אויסגעטרילט אַ פריידגרוס דער נאַכט,—
זיך אליין דערשראָקן,
אַ שניט געטאָן מיט צאַפּלדיקן שאָטן.
דריי קווייטן שיטן זיך פון צווייגל.
דריי וואַקסנדיקע רעדער אויפן וואַסער.
עס איז שטיל, נאַכט און לבנה.

## ווינטער נאַכט

אַ גרויע בלויקייט שפּרייט זיך אין דער נאַכט,
אַ קאַלטע די לבנה שיינט אַראָפּ אין שניי,
עס סקריפּען טריט ווי גיין וואָלט אַן אַרמיי,
כאָטש איינער בלויז אַן איינזאַמער דאָרט גייט.

רונדע, ווייסע היטלען בלאַנקען אויף די הייזער,
פֿינטלאָך געלע פֿייער בלישטשען אין די שויבן,
דינע זילבער פּעדים ציען זיך פֿון אויבן,
שטיל ווי פּוך אויף ווייך געדעקטע דילן.

פֿון ערגעץ ווייט אַ הונט פֿאַרגייט זיך אין געוויין,
קאַלט, הונגעריק — ווער ווייסט דען וואָס אים איז?
אפשר אים שוין דאָס גאַנצע לעבן מיאוס?
ווייט, און לאַנג צעגיסט זיך דער עכאָ אין דער נאכט.

עס קלינגט אַ גלעקל ווייט — צעשיט זיך דראָבנע־דין,
און וועקט אין דיר אַן אַלט־פֿאַרגעסן פּיין...
מיט אויפֿגעוואַכטן בײַנקען הערסטו שטיל זיך איין,
וואָלסט אים נאָכגעלאָפֿן, נאָר צו וואָס — וואוהין?

# צום ערשטן מאָל

(צו—.)

און אַז דו ווילסט צו מיר אין הויז אַריין,
בעט איך,
זאָלסט ניט קומען אומגעריכט:
ווייסן וויל איך ווען דו ווילסט,
און איך זאָל דיר אַ פריידיקער אַנטקעגן גיין,
בײַסלאַכווייז דערזען דיין געשטאַלט.

און אַז דו וועסט אָנעמען מיין האַנט
און זאָגן: דאָס בין איך,
וועל איך אָפּקערן דעם קאָפּ
(ריידן וועל איך סיי־ווי ניט)
נאָר מיין האַרץ וועט ציטערן פּאַר פריידי,
ווי אַ שמעטערלינג,
צום ערשטן מאָל אויף צוויט און זון...

## פינאַל

האַלב נאָך עלף,
דער פאָרהאַנג פאַלט —
בלאַנקע האַק אויף אויסגעשטעלטע העלזער;
טויזנט אויגן ווערן אויסגעלאָשן.
פאַרב רינט, קלאַנג ציטערט און פאַרשווינט.
אויפגעוועקטע קלאַפּערשלאַנגען צישען,
איינגעוויגטע, אָפּגענאַרטע קינדער
שעמען זיך צו וויינען...

## אין דערוואַרטונג . . .

(ב. ע.)

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון נאַרישע נסיעות,  
וואו איך האָם מיינע אינגל יאָרן, מילגרוימיקע, שווענדעריש צעוואָרפען;  
דער דינער פּיין פון בײנקען און דערמאָנען מײן פאַרגאַנגענהײט  
פלעגט מיך דורך די אָוונטן דערנידערן, —  
ווי אַ פאַלשע מטבע אין בעטלטאַץ — דעם בלינדן.  
נאָר דו, וואָס הויכט אויף מיר ווי מאַי-ווינט אויף דער רויער ערד  
און קריצסט אין מיין נשמה דעטאַלן פון אַ נייעם לעבן,  
באַצווייפלט מיך: צי בין איך גאָר דערזעלבער?  
דו זאָגסט: עס איז אַ צופאַל און שמייכלסט מיר אין פּנים  
און מיין האַרץ צעגייט אין רחבות פון דיין שווייגען,  
דערפיל איך אַז איך בין שוין אַ פאַרגלידערטער מיט דיר,  
אַז דער קערן פון אומבאַגרייפלאַך גליק יערט אין דיין געדעכעניש.  
צי זעסטו, טייערע, ווי איך, אַ מלאכל אין פאַלדיקע וואואַלן  
ווי אויף די הייליקע געמעלן פון ראַפאַעל.  
ער קומט צו אונז פון אונטער דער לבנה,  
ער איז ווייס ווי דיינע הענט, מיט שפּורן פון דיין פּנים.  
דו ביזט דאָך באַלד ווי גאָט:  
אָ, מאַמע, קאָלאָסאַלע!

# אינהאלט

## פון לירישן קוואַל


זייט

ווערטער מיינע . . . . . . . . . . . . 7
מיט מיין הייליקן לאַסט . . . . . . . . . 8
די רייד פון דערוויש . . . . . . . . . 9
דער בעטלער זאָגט . . . . . . . . . . 10
הבל . . . . . . . . . . . . . 11
וואָס איז וויכטיק? . . . . . . . . . 12
אויב איך בין ווי דער וואָרים . . . . . . . 15
דער פּריידיקער אין טיפֿלע . . . . . . . . 16
פֿאַר דיר, מיין גאָט . . . . . . . . . 17
און וואָס וועט זיין . . . . . . . . . 18
ווי גרינג און דין . . . . . . . . . . 19
אונזער בלוט . . . . . . . . . . . 20
כבוד . . . . . . . . . . . . . 21
און אפשר . . . . . . . . . . . 22
לייענענדיק שיילאָק . . . . . . . . . 23
פון מויל פון פאַרפייניקטן . . . . . . . . 24
דיר איז באַשערט . . . . . . . . . . 25
מיין זיידנס תפילין־זעקל . . . . . . . . 26
מיין אויסדערוויילטע לאַנד . . . . . . . . 27
חצות . . . . . . . . . . . . . 28
אין טעמפּל . . . . . . . . . . . 30
טריט . . . . . . . . . . . . . 32
קאַליידאָסקאָפּיש . . . . . . . . . . 33
רעקוויאום . . . . . . . . . . . . 34
מיינע אָפּגעלעבטע טעג . . . . . . . . . 36

# איצטיקס

זייט

איצטיקס . . . . . . . . . . . . . . 39
שאַנד . . . . . . . . . . . . . . 40
באַ אונז אויף די גאַסן . . . . . . . . . 41
מיר ווען מער נישט גיין . . . . . . . . 42
הימן צו אַרבעט . . . . . . . . . . . 43
פּראָצעסיע . . . . . . . . . . . . 44
פּראָלעטאַריער . . . . . . . . . . . 45
באַגינען . . . . . . . . . . . . . 46
גאָלד און בלוט . . . . . . . . . . . 48
צאַרט ווי דער נאַכטיגאַל . . . . . . . . 50
צו קלאָד מעקעי . . . . . . . . . . . 52
אַי לע לו . . . . . . . . . . . . . 54

# פון מיין וואַנדער

טראָפּיש לאַנד . . . . . . . . . . . 57
עס רעגנט דאָ אַמאָל אין פעברואַר . . . . . . 59
אויף די טראַקטן . . . . . . . . . . . 60
דאָס ליד פון פעלד . . . . . . . . . . 62
אין טאָל . . . . . . . . . . . . . 64
אין דער פּריירי . . . . . . . . . . . 65
בופלאָקס . . . . . . . . . . . . . 66
בינשטאָק . . . . . . . . . . . . . 67
דער פאַנטאַן פון צייט . . . . . . . . . 68
שיקאַגער שעכטהויז . . . . . . . . . . 69
צום בראָך פון אַ וואַלדבוים . . . . . . . . 70

## אויפן אייגענעם שוועל

זייט


| | |
|---|---|
| צו אן אלטן דיכטער | 73 |
| לענדער, מענטשן און לעמער | 74 |
| פּאָעטן | 77 |
| צו א דיכטער | 78 |
| פרויען | 79 |
| יאָרן | 80 |
| מיר זיינען | 81 |
| דער שווינדזיכטיקער | 82 |
| גוף און נשמה | 83 |
| זעגענונג | 84 |
| זאָל דוכטן | 85 |
| נו איז וואָס | 86 |
| א טאָסט צו די אינוואַלידן | 87 |
| צו א גאַסנפּרוי | 88 |
| צו דעם וואָס חלומט זיין לעבן אוועק | 89 |
| פּראָווינציאַלן | 90 |
| צו פּרינצעסין "עקס" | 91 |
| פּייזאַזש | 92 |
|ווינטער נאַכט | 93 |
| צום ערשטן מאָל | 94 |
| פינאַל | 95 |
| אין דערוואַרטונג | 96 |

L. M. Stein Publisher
426 South Clinton Street
Chicago, Illinois

1126 בלו איילאַנד עווע., שיקאַגאָ 379 ליבאָר וואָירלד פּרעסס